STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02289

MERDER FUN FELKER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מערדער פון פעלקער

מאטעריאלן וועגן די רעציכעס פון די
דײַטשישע פארכאפער אין די צײַט־
ווײַליק אָקופּירטע סאָוועטישע ראיאָנען

געזאמלט און צונויפגעשטעלט פון
איליא ערענבורג

אָ.י.ז
מעלוכע־פארלאג „דער עמעס“, מאָסקווע 1944

איליא ערענבורג

מערדער פונ פעלקער

די גאנצע „פילאָסאָפיע“ פונעמ דײַטשישנ פאשיזמ באזירט זיכ אפ בלינדער, כײַיִשער סינע צו אנדערע פעלקער. די היטלעריסטנ האלטנ די סלאַוונ פאר „באמיסטיקונג פאר דער גערמאנישער ראסע“, די פראנצויזנ — פאר „אויסגעעלטערטע נעגראַידנ“, די ענגלענדער — פאר „קריפּלענ“.

אײדער די היטלעריסטנ זײַנענ אָנגעפאלנ אפ די שכײנישע לענדער, האָבנ זיי אָנגעהויבנ אויסראָטנ די ייִדנ, וואָס האָבנ געוווינט אינ דײַטשלאנד; דאָס איז פאר די מערדער פונ פעלקער געווענ א טרענירונג. פארכאפט א ריי אייראָפּעיִשע מעלוכעס אונ אַרײַנגעריסנ זיכ אינעמ סאָוועטנפארבאנד, האָבנ די היטלעריסטנ פארניכטעט בא פיר מיליאָנ ייִדנ.

אינעמ שטעטל אושאטשיע, וויטעבסקער געגנט, האָבנ די דײַטשנ אומ ווינטער געטריבנ ייִדנ — אלטע לײַט, פרויענ, קינדער — צומ טײַכ אונ געצוווּנגענ זיי באָדנ זיכ אינ אײַז. אינ דרײַ וואָכנ ארומ איז אינ אושאטשיע ניט געבליבנ קיינ איינ ייִד. דערמלט האָבנ די דײַטשנ אָנגעהויבנ אפ דעמ זעלבנ אויפנ אויסהארגענענ די ווײַסרוסנ.

אזוי איז געווענ אויכ אינ אנדערע שטעט. אזוי איז געווענ אינ אלע לענדער, וועלכע די פאשיסטנ האָבנ פארכאפט. אויסגעראָטנ די ייִדנ, פלעגנ די היטלעריסטנ זיכ נעמענ צומ אויסראָטנ די אנדערע פעלקער: דאָס פוילישע,

דאָס סערבישע, דאָס גריכישע, דאָס פראַנצויזישע. די טראַגעדיע פונעם טשעכישנ יישעוו לידיצע איז באַוווּסט דער גאַנצער וועלט. אינעם יישעוו קאַלאַבריטאַ (צאָפנ-פעלאַפאָנעס) האָבנ די דײַטשנ בעסטיאַליש דערהאַרגעט אַלע אײַנוווינער, אײַנגעשלאָסנ די זויג-קינדער. אינ די פאַרכאַפטע געביטנ פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד האָבנ די היטלעריסטנ געשטעלט פאַר זיכ דעם ציל צו פאַרווירקלעכנ דעם פאַרברעכערישנ פלאַנ, וועגנ וועלכנ עס האָט אינגאַנצנ אָפנ געשריבנ די צײַטונג „אָסט-פראָנט“: „עס איז נייטיק צו פאַרקלענערנ די באַפעלקערונג פונ רוסלאַנד אַפ 30—40 פראָצ“.

מיר ווייסנ צענדליקער רוסישע, ווײַסרוסישע אונ אוקראַינישע דערפער, וווּ די פאַשיסטישע שטראָפ-אָטריאַדנ האָבנ אויסגעראָטנ די גאַנצע באַפעלקערונג ביז איינ מענטש. אינ די צעטלענ פונ די דערהאַרגעטע האָב איכ געזענ די נעמענ פונ ניקאָלײַ דאַווידאָוו — 1 יאָר אַלט אונ מאַריאַ כראַמענקאָווא — 6 כאַדאָשימ אַלט. אַפילע די פאַשיסטישע אויסוווּרפנ האָבנ געווּיס ניט באַשולדיקט אַ זעקסכאַדאָשימדיק קינד אינ אַ פאַרברעכנ קעגנ דײַטשלאַנד. אָבער די דערמאָרדונג פונ זויג-קינדער גייט אַרײַנ אינ דער פראָגראַמ פונ דערמאָרדנ די פעלקער.

די היטלעריסטנ האָבנ געהאַלטנ, אַז די פאַרניכטונג פונ דער ייִדישער באַפעלקערונג איז לײַכטער פונ אַלצ צו פאַרווירקלעכנ, ווײַל די ייִדנ זײַנענ צעשטויבט צווישנ דער איבעריקער באַפעלקערונג. אינ אוקראַינע אונ אינ ווײַסרוסלאַנד זײַנענ די יונגע מאַנצבלעכ געווענ אינ די רייענ פונ דער רויטער אַרמיי. אַלע, וואָס האָבנ געהאַט די קלענסטע מעגלעכקײַט, האָבנ זיכ עוואַקוירט. די היטלעריסטנ האָבנ זיכ אָפגערעכנט מיט אַלטע לײַט, מיט קראַנקע, מיט פרויענ אונ קינדער.

אומזיסט האָבנ די פאַשיסטנ געפרווּוט אַרויסרופנ סינע צווישנ די פעלקער פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. מיטנ אויס-

נאָמ פונ א נישטיק הײַפל פארעטער, זײַנענ די סאָוועטישע בירגער, וואָס זײַנענ ארײַנגעפאלנ צו די פארכאפער אינ די לאַפּעס, געבליבנ טרײַ די הויכע אידעאַלנ פונ דער סטאַלינישער קאָנסטיטוציע. ריזיקירנדיק מיט זייער לעבנ, האָבנ די רוסנ, ווײַסרוסנ, אוקראַינער אויסבאַהאלטנ בא זיכ ייִדנ. איכ קאָנ ניט דערמאָנענ וועגנ דער העלדישקײַט פונעמ בוכהאלטער פונ קאָלווירט אינעמ דאָרפ בלאַגאָדאַטנאָיע, הולײַפּאָליער דאָרפסאָוועט, דניעפּראָפּעטראָווסקער געגנט, וועלכער האָט, ניט געקוקט אפ טויטגעפאר, געראַטעוועט פונ טויט דרײַסיק סאָוועטישע בירגער פונ ייִדישער נאַציאָנאַליטעט — אלטע לײַט, פרויענ מיט קינדער. אזוי האָט זיכ אינ פײַער פונ די גרויסע ניסיונעס פארהארטעוועט די פרײַנטשאפט פונ די פעלקער פונ סאָוועטנרוסלאַנד.

איכ לייג דאָ פאָר די לייענער אייניקע מאַטעריאַלנ וועגנ דעמ, וויאַזוי די היטלעריסטנ האָבנ אויסגעראָטנ די ייִדישע באַפעלקערונג. דאָס איז ניט ליטעראַטור, דאָס זײַנענ וואָרהאַפטע דערציילונגענ, אָנ שום קונצנ.

ס'איז גאָר ניטאָ די פּײַניקונג, דער שרעקלעכער טויט, וועלכנ די פאשיסטנ זאָלנ ניט האָבנ אויסגעטראַכט פאר די ייִדנ. סאָלדאַטנ, באַוואָפנטע ביז די ציינ, האָבנ פאַרפּלאָגט זויג-קינדער. זיי האָבנ געהארגעט מיט העק אונ מיט גאַזנ, זיי האָבנ געהארגעט פּרימיטיוו אונ אפ א „וויסנשאַפטלעכנ אופנ“. זיי האָבנ אָפּגענאַרט: אומעטום האָבנ זיי געזאָגט, אז זיי פירנ די ייִדנ אפ ארבעט, אונ דערנאָכ זיי דערהארגעט. זיי האָבנ צענומענ די זאַכנ פונ די פאַרפּײַניקטע, אונ די מיידלעכ פונ דײַטשלאַנד זײַנענ פאַרפּוצט אינ קליידער, וואָס מע האָט אראָפּגענומענ פונ דערהארגעטע ייִדישע מיידלעכ.

פונ אלע זײַטנ רינגלענ מיכ ארומ שאָטנס פונ טויטע. איכ זע מענטשנ, סאָלדאַטנ אונ אָפיצערנ פונ דער רויטער

אַרמיי, ייִדנ לויט דער נאַציאָנאַליטעט, וועלכע דערוויסנ זיכ יעדנ טאָג, אַז זייערע פרויענ, זייערע קינדער, זייערע מוטערס זײַנענ דערהארגעט געוואָרנ דורכ די היטלעריסטנ.

זאָלנ אַלע איבערלייענענ דעמ דאָזיקנ בוכ: דאָס פאָדערנ די לעבעדיקע אונ די טויטע. דאָס פאָדערט דאָס געוויסנ.

די ייִדנ פונ רוסלאַנד האָבנ אַלעמאָל ליב געהאַט זייער היימלאַנד. קיינמאָל, אַפילע אינ די פינצטערסטע צארישע צײַטנ, האָט קיינ איינ ייִד ניט צונויפגעמישט די פאַרברעכנס פונ דער צארישער מאַכט מיט די געפילנ פונ דעמ רוסישנ פאָלק. אינ די יאָרנ פונ דער ערשטער וועלט-מילכאָמע האָבנ די ייִדנ דרייסט זיכ געשלאָגנ פאַר זייער היימלאַנד. זיי האָבנ געקעמפט ניט פאַרנ צאַר, זיי האָבנ געקעמפט פאַר רוסלאַנד: זיי האָבנ געוווּסט די גרויסמוטיקײַט פונעמ רוסישנ פאָלק, זײַנ דראַנג צומ עמעס. איצט זײַנענ די ייִדנ פונעמ סאָוועטנפאַרבאַנד אַפנ פאָדערשטנ ראַנד. דאָס לאַנד ווייסט א סאַכ נעמענ פונ ייִדנ — העלדנ. מוטיקײַט קאָנ מענ ניט אויסמעסטנ, קאָרבאָנעס קאָנ מענ ניט אויסציילנ. בלוט קאָנ מענ ניט אָפּוועגנ. מיר וועלנ זאָגנ קורצ: ייִדנ פילנ אויס זייער כויוו!

זאָל דאָס בלוט פונ ייִדישע קינדער נאָכ שטאַרקער אָנצינדנ דעמ האַס צו די דײַטשישע אויסוואָרפנ!

די דערמאָרדונג פונ מיליאָנענ אומשולדיקע ייִדנ האָט לויטנ פּלאַנ פונ די פאַשיסטנ געזאָלט זײַנ דער פּרעלאָג צו דער דערמאָרדונג פונ אַלע פעלקער. זי וועט זײַנ דער עפּילאָג צו דעמ סאַמע שוואַרצנ בלעטל אינ דער געשיכטע פונ דער וועלט.

אינ נאָמענ פונ די לעבעדיקע אונ טויטע זאָג איכ: אינ שלאַכט! א טויט די מערדער פונ פעלקער!

★☆★

פּינסק

צווישנ די שטאב=דאָקומענטנ פונ דעמ 15=טנ דײַטשישנ פּאָליציי=פּאָלק, וועלכע די רויטע ארמיי האָט פארכאפּט אינ ראיאָנ פונ ראָסאָש, האָט מענ געפונענ די פאָלגנדיקע מיטיילונג וועגנ דעמ, וויאַזוי די דײַטשנ האָבנ פארניכטעט די יידישע באפעלקערונג פונ דער שטאָט פּינסק.

„סאכאקל=באריכט.

נאָכ דעמ, ווי עס איז אָפּגעשאפנ געוואָרנ דער באפעל וועגנ דעמ באלדיקנ מארש, האָט די ראָטע דעמ 27/X 1942 יאָר באקומענ א באפעל: דעמ 25/X 1942 יאָר 21.00 קומענ קיינ קאָברינ. אינ העסקעמ מיטנ באפעל איז די ראָטע אפ מאשינעס געקומענ קיינ קאָברינ אונ פונ דאָרט איז זי געשיקט געוואָרנ קיינ פּינסק. צו דעמ מײַרעוו=ארויסגאנג פונ פּינסק איז די ראָטע אָנגעקומענ דעמ 29/X 04.00.

אפ דער באראטונג, וואָס איז פאָרגעקומענ דעמ 28/X 1942 יאָר אינ פּינסק באמ פּאָלק=קאָמאנדיר, איז באשלאָסנ געוואָרנ, אז צוויי באטאליאָנענ, אונ נעמלעכ, דער 2=טער באטאליאָנ פונ דעמ 15=טנ פּאָליציי=פּאָלק אונ דער 2=טער קאוואלעריע=דיוויזיאָנ, וועלנ נעמענ אפ זיכ די אויסערלעכע ארומרינגלונג, בײַם די 10=טע ראָטע פונעמ 15=טנ פּאָליציי=פּאָלק אונ די 11=טע ראָטע פונעמ 11=טנ פּאָליציי=פּאָלק אָנ צוויי ווזוואָדנ ווערנ באשטימט אפ דורכצוקעמענ דעמ געטאָ. די 11=טע ראָטע פונ 11=טנ פּאָליציי=פּאָלק אָנ איינ ווזוואָד, וועלכער איז אינאָוונט באפרײַט געוואָרנ פונ דורכקעמענ, איז באשטימט געוואָרנ צו באוואכנ דעמ זאמל=פונקט אונ די באזונדערע טראנספּאָרטירונגענ צומ טויטונגס=אָרט, וואָס האָט זיכ געפונענ 4 קילאָמעטער פונ פּינסק, אונ אפ ארומרינגלענ דאָס טויטונגס=אָרט. צו אָט דער לעצטער אויפגעבונג זײַנענ שפּעטער טיילווײַז אויסגענוצט געוואָרנ רײַטער. דאָס דאָזיקע מאָסמיטל האָט זיכ גלענצנדיק בארעכטיקט, ווײַל ווענ 150 יידנ האָבנ גע=

מאכט א פרווו צו אנטלויפנ, האָט מענ זיי אלע געכאפּט, כאָטש אייניקע פונ זיי האָט זיכ שוינ איינגעגעבנ אוועקצוגיינ אפ עטלעכע קילאָמעטער.

די ארומרינגלונג איז באשטימט געוואָרנ אפ 04.30, אונ עס האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז אדאנק דעמ, וואָס די אָנפירער האָבנ באצייטנס פערזענלעכ דורכגעפירט די אויסשפּירונג, אונ אויכ אדאנק דעמ, וואָס אלצ איז דורכגעפירט געוואָרנ געהיימ, איז די ארומרינגלונג געמאכט געוואָרנ אינ דעמ קורצסטנ טערמינ, אונ די יידנ האָבנ קיינ מעגלעכקייט ניט געהאט זיכ אויסדרייענ. לויטנ באפעל האָט די דורכקעמונג פונ געטאָ זיכ געדארפט אָנהייבנ 06.00 אזייגער. נאָר איבער דער פינצטערקייט איז דער אָנהייב איבערגערוקט געוואָרנ אפ א האלבער שאָ. די יידנ, וועלכע האָבנ זיכ ארומגעקוקט, וואָס עס קומט פאָר, האָבנ אָנגעהויבנ, צומ גרעסטנ טייל פרייוויליק, זיכ זאמלענ צו דער דורכקאָנטראָלירונג אפ אלע גאסנ. מיט דער הילפ פונ צוויי וואכמיסטערס האָט זיכ איינגעגעבנ גלייכ אינ דער ערשטער שאָ ברענגענ צו פירנ עטלעכע טויזנט מאנ צומ זאמל-פונקט. ווענ די איבעריקע יידנ האָבנ דערזענ, צו וואָס עס גייט, האָבנ זיי זיכ אָנגעשלאָסנ אָנ דער קאָלאָנע, אזוי אז צוליב דעמ קאָלאָסאלנ מענטשנ-געזאמל האָט זיכ ניט איינגעגעבנ דורכצופירנ דעמ קאָנטראָל אפנ זאמל-פלאצ, וועלכנ די וואכ-פּאָליציי האָט געהאט פארפלאנירט (אינעמ ערשטנ טאָג פונ דער דורכקעמונג האָט מענ אויסגערעכנט בלויז אפ 1000—2000 מאנ). די ערשטע דורכקעמונג האָט זיכ פארענדיקט 14.00 אָנ קיינ שומ פאסירונגענ. דעמ ערשטנ טאָג זיינענ געטויט געוואָרנ בא 10.000 מאנ. באנאכט האָט זיכ די ראָטע אינ שלאכט-גרייטקייט געפונענ אינ סאָלדאטנ-קלוב.

דעמ 30/X 1942 י. איז די געטאָ דורכגעקעמט געוואָרנ א צווייטנ מאָל. דעמ 31/X — א דריטנ מאָל אונ דעמ 1/XI — א פערטנ מאָל. אינ אלגעמיינ גענומענ זיינענ צומ זאמל-פלאצ צונויפגעטריבנ געוואָרנ בא 15.000 יידנ. די קראנקע יידנ אונ די קינדער, וואָס זיינענ געבליבנ אינ דער היימ, זיינענ געטויט געוואָרנ אינ געטאָ. אינ געטאָ זיינענ געטויט געוואָרנ בא 1200 יידנ. קיינ שומ פאסירונגענ, כוץ איינער, זיינענ ניט פאָרגעקומענ. אפנ גרונט דערפונ, וואָס ס'איז געמאָלדנ געוואָרנ, אז די יידנ, וועלכע וועלנ אָנווייזנ, ווו זיי האָבנ באהאלטנ גאָלד, וועט געשאָנקענ ווערנ דאָס לעבנ, איז געקומענ איינ ייד אונ האָט מיטגעטיילט, אז ער האָט באהאלטנ א מאסע גאָלד. איינ וואכמיסטער איז אוועק מיט אימ. איבער דעמ, וואָס דער ייד האָט די גאנצע צייט באלע-

מוטשעט אונ האָט געבעטנ באמ וואכמיסטער, ער זאָל זיכ אופהייבנ מיט אימ אפנ בוידעמ, האָט אימ דער וואכמיסטער אומגעקערט צוריק אינ געטאָ, צומ זאמל=פלאצ. דאָ האָט זיכ דער ייִד אָפגעזאָגט צו זעצנ זיכ אפ דער ערד, ווי די איבעריקע ייִדנ. פלוצעמ האָט ער זיכ ארופגעוואָרפנ אפ איינעמ א רײַטער פונ עסקאדראָנ, האָט ארויסגעכאפט בא אימ די ביקס אונ דעמ שטעקנ אונ אָנגעהויבנ שלאָגנ דעמ רײַטער. בלויז אדאנק דעמ, וואָס עס האָבנ זיכ ארײַנגעמישט די סאָלדאטנ פונ דער ראָטע, איז דער דאָזיקער אָנפאל אראָפגעריסנ געוואָרנ. אזויווי עס איז געווענ פארבאָטנ צו באנוצנ זיכ מיט פײַער=געווער, האָט מענ אימ בײַמ דעמ געראנגל אזוי א זעצ געטאָנ מיט א האק איבערנ קאָפ, אז ער איז געפאלנ אונ געבליבנ ליגנ. ער איז טייקעפ געטויט געוואָרנ.

דעמ 1/XI 17.00 האָט מענ די ראָטע באשטימט אפ אויסערלעכער ארומרינגלונג, אונ דער צווייטער רײַטער=אָטריאד האָט זיכ געלאָזט צומ אײַנקווארטירונגס=פלאצ. קיינ באזונדערע פאסירונגענ זײַנענ ניט פאָרגעקומענ.

דעמ 2/XI 1942 יאָר אינ 08.00 איז די ראָטע אָפגעלאָזנ געוואָרנ פונ פינסק, אונ זי האָט זיכ געלאָזט צו איר אײַנקווארטירונגס=פלאצ. 13.00 איז די ראָטע געקומענ קיינ קאָברינ, צו 17.00 האָט זי זיכ אומגעקערט אפ אירע שטיצ=פונקטנ.

סאכאקלענ:

1. די אָטריאדנ, וואָס פארנעמענ זיכ מיט דורכקעמענ, דארפנ אומבאדינגט האָבנ מיט זיכ העק, האקמעסערס אונ אנדערע אינסטרומענטנ, ווײַל עס האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז קימאט אלע טירנ זײַנענ געווענ פארמאכט, אונ מע האָט זיי געקאָנט עפענענ נאָר מיט קראפט.

2. אפילע ווענ מע זעט ניט קיינ אינערלעכע ארויסגענג אפנ בוידעמ, דארפ מענ דאָך האלטנ, אז דאָרט געפינענ זיכ מענטשנ. די בוידעמער דארפ מענ דעריבער אפנ זאָרגזאמסטנ אויפנ באטראכטנ פונ אויסווייניק.

3. ווענ עס זײַנענ אפילע גיטאָ קיינ קעלערס, געפינט זיכ א באדײַטנדיקע צאָל מענטשנ אפנ קלייגעמ שעטעכ אונטערנ דיל. אזוינע ערטער דארפ מענ אופברעכנ פונ אויסווייניק אָדער שיקנ אהינ שפיר=הינט (אינ פינסק האָט זיכ דערבײַ אויסגעצייכנט באזונדערס דער שפיר=הונט „אסטא“, אָדער ארײַנוואַרפנ אהינ א האנט=גראנאטע, נאָכ דעמ גייענ די ייִדנ אינ אלע פאלנ גלײַכ ארויס אינ דרויסנ.

4. מע דארפ מיט א הארטער זאכ באטאפנ אלצ ארומ די הײזער, ווײל אָנ א שיר מענטשנ באהאלטנ זיכ אויכ אינ גוט פארמאסקירטע גריבער.

5. עס ווערט רעקאָמענדירט צוציִענ קינדער צומ אָנווײזנ די דאָזיקע באהעלטענישנ. צוזאָגנדיק זײ דערפאר שענקענ דאָס לעבנ. דער דאָזיקער מעטאָד האָט זיכ גוט באַרעכטיקט.

קאפיטאנ פונ דער וואכ-פאָליציי אונ
ראָטע-קאָמאנדיר זאור“.

כארקאָוו

„דעמ 24 אָקטיאבער 1941 יאָר זײנענ אינ כארקאָוו ארײנ די דײטשנ. שווער איבערצוגעבנ דעמ גרויל, וואָס האָט מיכ ארומגעכאפט. נאָר די אויסוועגלאָזע לאגע האָט דאָכ געצווונגענ מיכ, א ייִדיש-קינד, צו בלײבנ אינ כארקאָוו.

די פאשיסטנ האָבנ באוויזנ, וואָס זײ קאָנענ, שוינ דעמ ערשטנ טאָג. אָפ די פלעצער זײנענ געהאנגענ סאָוועטישע מענטשנ. אָפ מאָרגנ האָבנ די דײטשנ אָנגעהויבנ ראבעווענ. אינ שטוב האָט מענ ניט געקאָנט זיצנ. יעדער רגע פלעגט זיכ דערהערנ א קלאפ אינ טיר: „עפנ!“ זײ פלעגנ נעמענ אלצ — פראָדוקטנ, זאכנ. דערנאָכ האָבנ זײ אָנגעהויבנ כאפנ אָרוועסניקעס. דער האָטעל „אינטערנאציאָנאל“ איז געווענ געפאקט מיט די אומגליקלעכע קאָרבאנעס. די פענצטער זײנענ דאָרט געווענ אויסגעהאקט, די צימערנ געפאקט, — ניט לייגנ זיכ, ניט זעצנ זיכ. בייסנ פארהער פלעגט מענ די ארעסטירטע שלאָגנ. מע האָט זײ געהאלטנ א טאָג צענ, אונ דערנאָכ, שוינ האלב טויטע — צעשאָסנ.

איינמאָל האָט זיכ אפנ פלאצ לעבנ דער געבײדע פונעמ געגנטקאָמ פארזאמלט אנ אוילעמ — דאָרט איז געווענ א ראדיאָ. איכ בינ פארבײגעגאנגענ נאָכ וואסער. פלוצעמ זעענ מיר, ווי פונ הערכסטנ שטאָק לאָזט מענ אראָפ אפנ א שטריק א יונגנמאנ. מיר האָבנ פונ אָנהייב ניט פארשטאנענ, וואָס איז עס אזוינס. עס האָט זיכ דערהערט א הארצרײסנדיקער געשריי: „ראטעוועט!“. דער אומגליקלעכער איז געבליבנ הענגענ אפ א באלקאָנ. אנ איבערגעשראָקענער, איז זיכ דער אוילעמ פאנאנדערגעגאנגענ איבער די הײזער.

דאָס איז געווענ אינדערפרי נאָכ א שווערנ כאָלעמ, פונקט ווי כ'וואָלט אינ כאָלעמ געהאט א פאָרגעפיל וועגנ דער צוקונפט.

פונ אונדזער הויז האָט מענ ארויסגעפאָדערט 10 ייִדנ צו שיקנ זיי אפ ארבעט. איכ בינ צווישנ זיי ניט געווענ. נאָכ דעמ, ווי די מענטשנ האָבנ געענדיקט די ארבעט, האָט מענ זיי אוועקגעשיקט אינ „אינטערנאציאָנאל“ אלס אַרוועסניקעס. איכ האָב גענומענ ווארטנ אפ מײַנ ריי.

דעמ 15 דעקאבער האָט מענ ארויסגעפאָדערט אלס אַרוועסניקעס אלע ייִדנ פונ אונדזער הויז. איכ האָב באשלאָסנ קיינ לעבעדיקע ניט ארײַנפאלנ צו די מערדער אינ די הענט ארײַנ אונ באגיינ זעלבסטמאָרד. קיינ סאמ האָב איכ ניט געהאט, נאָר איכ האָב געפונענ א גאָל=מעסערל. א מאָל צענ האָב איכ ארײַנגעשניטנ דאָס מעסערל אינ האנט ארײַנ, נאָר אויס אומדערפארנקײַט האָב איכ זיכ ניט געקענט דערקלײַבנ צו דער ווענע. פונ בלוט=פארלוסט האָב איכ געכאלעשט. געקומענ צו=זיכ בינ איכ פונ א קלאפ אינ טיר. מע האָט מיר אָנגעזאָגט, אז הײַנט איז דער 15=טער דעקאבער 1941 יאָר: אלע ייִדנ זײַנענ מעכויעוו פארלאָזנ די שטאָט אונ אוועקגיינ אינ די באראקעס, וואָס הינטער דעמ טראקטאָר=זאוואָד — דאָס איז 12 קילאָמעטער פונ כארקאָוו. בא מיר האָט גערונענ בלוט פונ די וווּנדנ, איכ האָב שלעכט באנומענ, וואָס עס טוט זיכ.

עס איז שווער צו באשרײַבנ דאָס בילד — 15 טויזנט, אונ עפשער מער, זײַנענ געגאנגענ איבער דער סטאראָ=מאָסקאָווסקער גאס צומ טראקטאָר=זאוואָד. פיל פונ זיי האָבנ געשלעפט זאכנ. עס זײַנענ געווענ קראנקע, אפילע פאראליזירטע, זיי האָט מענ געטראָגנ אפ די הענט. דער וועג פונ סטאראָ=מאָסקאָווסקאיא ביז דעמ טראקטאָר=זאוואָד איז געווענ פארזייט מיט טויטע קערפערס פונ אלטע לײַט, קינדער, קראנקע.

אינאָוונט זײַנענ מיר געקומענ אינ אונדזער נײַ וווינ=אָרט. איכ בינ ארײַנ אינ א באראק. אנשטאָט פענצטער זײַנענ געווענ גרויסע לעכער אָנ שויבנ. די טירנ האָבנ זיכ ניט פארמאכט. זיצנ איז ניט געווענ אפ וואָס. עס האָט געבלאָזנ אנ אײַז=קאלטער ווינט. איכ בינ אָפגעשוואכט געוואָרנ פונ בלוט=פארלוסט אונ בינ געפאלנ אָנ באוווסטזײַנ. געקומענ צו=זיכ בינ איכ פונ א געשריי: עס האָבנ געשריִענ א פרוי מיט א קינד. מענטשנ איז געוואָרנ אלצ מערער, עס איז געווענ זייער ענג, אונ אינ דער פינצטער איז עמעצער געפאלנ אפ א פרוי מיט א זויג=קינד. דאָס אייפעלע האָט א געשריי געטאָנ. ווענ די מוטער האָט דערזענ, אז דאָס קינד האָט זיכ אופגעהערט צו רירנ, האָט זי אָנגעהויבנ שרײַענ:

„ראַטעוועט! דאָס איז אַלצ, וואָס בײַ מיר איז געבליבנ — דעמ טאָג און דעמ זונ האָט מענ אופּגעהאַנגענ". וואָס האָט מענ אָבער געקאָנט טאָנ? אָנצינדנ ליכט האָט מענ פֿאַרווערט. דאָס אייפּעלע איז אומגעקומענ.

איכ בינ אַרײַנגעפֿאַלנ אינ אַ שלעכטנ באַראַק. דאָרט זײַנענ געווענ פֿופֿציק מענטשנ. אייניקע האָט אָפּגעגליקט — זיי האָבנ געקויפֿט בעטלעכ. אַפֿ יעדעס בעטל זײַנענ געלעגנ 5—6 מאַנ. די פֿרעסט זײַנענ געווענ זייער שטאַרקע. איכ בינ געשלאָפֿנ אַפֿנ דיל. די הענט און פֿיס האָבנ געגליווערט פֿונ קעלט.

מיכ האָט דערוואַרט אַ נײַער אומגליק. איכ האָב איינ איינציקע שוועסטער. שוינ לאַנג, אַ יאָר דרײַסיק צוריק, האָט זי זיכ געשמאַדט, און אינ פּאַס בײַ איר איז פֿאַרשריבנ, אַז זי איז אַ רוסישע. איכ ליג אַפֿנ דיל און דערמאָנ זיכ אָנ דער פֿאַרגאַנגענהייט. פּלוצעמ האָב איכ זיכ אומגעקוקט, אָט פּונקט ווי עמעצער זאָל מיכ אַ שטופּ טאָנ, און איכ זע מײַנ איינציקע, טײַערע שוועסטער. פֿיר טעג איז זי געזעסנ מיט מיר אינ באַראַק. עס האָבנ זיכ געפֿונענ גוטע מענטשנ, וואָס האָבנ איר געהאָלפֿנ, און זי איז אַנטלאָפֿנ. בײַ איר איז געווענ אַ „רוסישער פּאַס", און איר איז לײַכטער געווענ צו העלפֿנ, ווי מיר. קעדיי מע זאָל זיכ ניט אַרומקוקנ, האָבנ מיר זיכ ניט געזעגנט. איכ האָב בלויז אַ קוק געטאָנ אַפֿ איר, געוואָלט מיטנ קוק איבערגעבנ אַלצ.

די ווונד אַפֿ דער האַנט האָט זיכ ניט פֿאַרמאַכט. איכ האָב געליטנ קעלט און הונגער. די דײַטשנ פֿלעגנ אונדז לאָזנ אַפֿנ מאַרק אָדער נאָכ וואַסער, אויב מע פֿלעגט זיי דערפֿאַר געבנ זאַכנ. די דײַטשנ האָבנ געהאַלטנ אינ איינ האַרגענענ. איכ האָב געזענ, ווי ס'איז געגאַנגענ אַ ייִנגעלע. די דײַטשנ רופֿנ אימ צו: „איי, יודע!" ווענ דאָס ייִנגעלע איז צוגעגאַנגענ, האָט אַ דײַטש אַ שלײַדער געטאָנ אימ אינ אַ גרוב און צוגעדריקט מ'טנ פֿוס, דערנאָכ האָט ער אויסגעשאָסנ. איידער ס'איז אַרויסגעגעבנ געוואָרנ דער באַפֿעל וועגנ צעשיסנ אַלעמענ, פֿלעגנ זיי יעדנ טאָג האַרגענענ אַ מענטשנ פֿופֿציק. איינמאָל האָבנ זיי געמאָלדנ: „אויב מע וועט באַנאַכט הערנ וויינענ קינדער, וועלנ מיר צעשיסנ אַלעמענ". און ווי קאָנ מענ פֿאָדערנ פֿונ די אייפּעלעכ, אַז זיי זאָלנ ניט שרײַענ? איבערוויקלענ האָט מענ זיי ניט געקאָנט, זיי זײַנענ געלעגנ נאַסע אַפֿנ פֿראָסט, די מילכ בײַ די מוטערס האָט איבערגעברענט פֿונ אַלע איבערלעבונגענ, מיט וואָס זיי צו קאָרמענ איז ניט געווענ.

מיר האָט זיכ אײַנגעגעבנ אריבערצוגײנ אינ אַנ אנדער באַראַק — נומ. 9. דעמ באַראַק האָט אָפּגעגליקט: ער איז אַוועק צו דער שכיטע דער לעצטער.

די דײַטשנ האָבנ אונדז געוואָלט אַרויספירנ צו דער שכיטע מיט אַ שווינדל. אַפ דער דריטער וואָכ האָבנ זיי געמאָלדנ: די, וואָס ווילנ פאָרנ אַרבעטנ אינ פאָלטאַווע, לובני אונ ראָמני, זאָלנ אַרויסגײנ פאָרויס. מיר האָט ווי אַ נאָדל אַ שטאָכ געטאָנ אינ האַרצנ, אונ איכ האָב זיכ דערמאָנט אָנ מײַנ בייזנ כאָלעמ. עס האָבנ זיכ פאַרשריבנ 800 מאַנ. איכ האָב געזענ, ווי מע האָט זיי אַרײַנגעזעצט אינ מאַשינעס, קיינ זאַכנ האָט מענ ניט דערלויבט מיטנעמענ. אינגיכנ האָבנ מיר דערהערט אַ שיסערײַ. אַפ מאָרגנ האָט מענ שוינ ניט געפרעגט, ווער עס וויל פאָרנ. מע האָט געכאַפּט פרויענ, אָפּגעריסנ זיי פונ די קינדער אונ אַרײַנגעוואָרפנ אינ די מאַשינעס. די מאַנצבלענ האָט מענ געטריבנ צופוס.

איכ האָב צונויפגענומענ דאָס לעצטע ביסל קויכעס אונ בינ אַוועק אינעמ שכייַנישנ באַראַק. דאָס איז געווענ אַ גענעמ: טויטע מענטשנ, געשיר, פוכ פונ קישנס, קליידער, פּראָדוקטנ, אַלצ איבערגעמישט. אינ איינ ווינקל איז אַפ אַ בעט געלעגנ אַ טויטע פרוי מיט אַנ אַראָפּגעלאָזענער האַנט, אונ אַ קליינ קינד האָט געזויגנ איר טויטנ פינגער. אינ דעמ אַנדערנ ווינקל איז געלעגנ אַ טויטער זאָקנ.

איכ געדענק ניט, וויאַזוי איכ בינ דערלאָפנ צו מײַנ באַראַק. מיר האָט זיכ דעמלט זייער געוואָלט לעבנ. איכ בינ מעקאַנע געווענ אַ הונט, אַ קאַץ — זיי האָבנ געהאַט רעכט אַפ לעבנ, קיינער האָט זיי ניט פאַרפאָלגט, אונ איכ, נאָר דערפאַר, וואָס איכ בינ אַ ייִדיש קינד, דאַרפ איכ שטאַרבנ.

יעדנ טאָג פלעגנ מיר פונ גאַנצפרי אָנ זיצנ אונ וואַרטנ אַפנ טויט. איינמאָל האָבנ מיר געהאַט אַ כײַע-שאָ. פונ סאַלטאַז האָט זיכ געהערט אַ האַרמאַטנ-שיסערײַ. די פאַרורטיילטע האָבנ געמיינט, אַז דאָס גייט אונדזער מיליטער. זיי האָבנ געזאָגט: „מע וועט אונדז ראַטעווענ“, האָבנ אַרומגענומענ איינער דעמ צווייטנ, געוויינט. ווײַזט אויס, באַ מיר זײַנענ שטאַרקע נערווג, אויב איכ האָב עס אויסגעהאַלטנ.

ענדלעכ איז געקומענ דער פאָרלעצטער טאָג. אינאָוונט האָט מענ געבראַכט אַ יונגע מעוברעסע פרוי אונ מע האָט זי אַרײַנגעפירט צו אונדז אינ באַראַק. ווענ זי האָט זיכ דערוווּסט, אַז

מאָרגנ וועט מענ זי הארגענענ צוזאמענ מיט אלעמענ, האָט זי אָנגעהויבנ גיינ צו קינד. פונ אירע געשרייענ האָב איכ ניט געקאָנט אנשלאָפנ ווערנ. יענע נאכט האָב איכ באשלאָסנ צו אנטלויפנ.

פארטאָג האָב איכ זיכ צוגעגרייט. כ'האָב ארייננעלייגט אינ קעשענע פונ מאנטל א לייַלעכ אפ איבערצובינדנ די וווּנד אונ זיכ אוועקגעלאָזט אינ וועג. אפ טריט אונ שריט זיינענ געשטאנענ געסטאפּאָווצעס מיט ביקסנ. וואָס טוט מענ, וווּהינ גייט מענ? מע וועט דאָכ סייווי הארגענענ... לאנג טראכטנ איז קיינ צייט ניט געווענ, עס איז טייער געווענ יעדע סעקונדע. גראָד אינ דעמ מאָמענט האָט אנ אָפיצער צוגערופנ די סאָלדאטנ באנאנדער-צוקלייבנ די יידישע זאכנ, וואָס זיינענ געלעגנ אפ א מאשינ. איכ האָב זיכ געלייגט אפ דער ערד אונ צוגעפויזעט צומ יאר. די דייטשנ האָבנ זיכ אומגעקערט צוריק. איכ בינ ארייננעקראָכנ אינ שניי אונ האָב זיכ צוגעדעקט מיטנ לייַלעכ. אזוי בינ איכ אָפּגעלעגנ אפנ סמאליענדיקנ פערציק-גראדיקנ פראָסט ביז אינדערפרי. ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבנ טאָגנ, האָב איכ פויזענדיק זיכ דערקליבנ ביז דער אנדערער זייט יאר, מיט גרויס מי בינ איכ ארויפגעקראָכנ. עס איז געווענ אנ אומגעהייערער פראָסט, אונ קיינ פאטרולנ זיינענ לעבנ יאר ניט געווענ. מיטנ הארצ-קלאפּעניש בינ איכ געגאנגענ איבערנ יישעוו. איכ האָב מוירע געהאט פאר יעדנ בליק.

וווּהינ גייט מענ? מע וועט דאָכ מיכ מוירע האָבנ ארייננ-לאָזנ, דערפאר קומט טויט-שטראָף. מיינע נאָענטסטע פריינט איז געווענ די מישפּאָכע פונ קיריל ארסענטיעוויטש רעזיקאָ. ריזיקירנדיק מיטנ לעבנ, האָבנ זיי אויסבאהאלטנ יידנ. אפ זיי איז געווענ א מעסירע, אונ זיי זיינענ שיר ניט אומגעקומענ. איכ האָב וועגנ דעמ געוווּסט אונ ניט געוואָלט זיי אונטערפירנ.

וווּהינ זשע גייט מענ? ס'איז שוינ באלד נאכט. פונ שטאָט וועל איכ ניט באוויזנ ארויסגיינ. איכ האָב געפונענ א קלאָזעט, וואָס איז באשטאנענ פונ דריי אָפּטיילונגענ. דאָרט בינ איכ אָפּגעזעסנ דריי טעג אונ פיר נעכט. שווער צו באשרייבנ דעמ שוידער. עס זיינענ געשטאנענ ביטערע פרעסט, דער ווינט האָט דורכגענומענ אפ דורכ אונ דורכ, איכ בינ געווענ א צעקאלייעטע. כ'האָב ניט געהאט קיינ ביסנ ברויט, קיינ טראָפּנ וואסער. יעדע מינוט האָט מענ מיכ געקאָנט געפינענ. אפנ פערטנ מעסלעס האָב איכ אָנגעהויבנ פארפרוירנ ווערנ. פלוצעמ איז מיר געוואָרנ ווארעמ. איכ הער, ווי איכ זאָג: „וואסער!

א קאפל וואסער!..“ כ'ווייס ניט, וויאַזוי איכ האָב דערצויגנ ביז אינדערפרי. איבער די קויכעס האָב איכ זיכ אופגעהויבנ פונ דעמ שמוציקנ דיל אונ בינ ארויסגעגאנגענ. איכ בינ אוועק צו קיריל ארסענטיעוויטשנ. אפ טריט אונ שריט בינ איכ געפאלנ. גוט, וואָס זיי האָבנ געוווינט נאָענט פונ דעמ אָרט, ווו איכ האָב זיכ אויסגעבאהאלטנ. זיי האָבנ מיכ ווארעמ אופגענומענ, איכ בינ בא זיי אָפגעווענ דרײַ טעג, בינ א ביסל געקומענ צוזיכ — דאָ האָב איכ ווידער דערפילט, אז איכ בינ א מענטש מיט מענטשנ גלײַכ. זיי האָבנ מיר געגעבנ פּראָדוקטנ אונ מיט א צעבראָכנ הארצ זיכ אָפגעזעגנט מיט מיר.

די פיס האָבנ מער ניט געוואָלט גייג. דאָס זײַנענ געווענ קלעצער. איכ בינ אוועק אינ דער ריכטונג צו ליובאָטינ. א שווידערלעכע זאכ גייג אונ ניט וויסנ וואוהינ. ווער וועט מיכ ארײַנלאָזנ? ווער דארפ מיכ האָבנ?

מיט צאָרעס האָב איכ זיכ דערקליבנ ביז קאָראָטיטש. איכ בינ ארײַנ אינ עטלעכע כאטעס, געבעטנ, מע זאָל מיכ לאָזנ איבערנעכטיקנ, נאָר מע האָט מיר אָפגעזאָגט. איכ האָב באַשלאָסנ געפינענ אנ אָרט, ווו קיינער וועט מיכ ניט באמערקנ אונ דאָרט פארפרוירנ ווערנ. פאר דעמ בינ איכ נאָכאמאָל ארײַנ אינ דער לעצטער כאטע. עס האָט מיר אָפגעגליקט, מע האָט מיכ איבערגעלאָזנ נעכטיקנ. אינדערפרי איז געוואָרנ א גרויסע זאווערוכע, אונ די באלעבאָסטע האָט ראכמאָנעס געהאט אונ האָט מיכ איבערגעלאָזנ בא זיכ. איכ האָב געוווינט בא זיי דרײַ וואָכנ. אינ כאטע פלעגנ אָפט ארײַנקומענ דײַטשנ. זיי האָבנ געזוכט פארטיזאנער, נאָר אלפּי-געמ האָבנ זיי מיכ ניט געפונענ.

סאָפקאָלסאָפ האָב איכ געמוזט אוועקגייג אויכ פונ דאָרט. גייג האָב איכ אָבער ניט געקאָנט. מײַנע פיס זײַנענ פארוואנדלט געוואָרנ אינ א שווארצע, אייטערנדיקע מאסע. איידער איכ בינ אוועקגעגאנגענ, האָט מיר דער באלעבאָסטעס שוויגער געזאָגט: „וואַרט צו“. זי האָט מיכ אוועקגעפירט צומ דאָקטער אינ דער כאטע-לאבאָראטאָריע. ער האָט מיכ באטראכט אונ געזאָגט: „אײַערע פיס זײַנענ פארפאלנ“. דאָס איז געווענ פאר מיר א צווייטער טויט-אורטייל. וואָס זאָל איכ טאָנ אינ מײַנ לאגע אָנ פיס?

איכ וויל דערציילנ וועגנ דעמ דאָקטער. צומ באדויערנ, ווייס איכ ניט זײַנ פאמיליע, גערופנ האָט מענ אימ פעטראָ. ער האָט מיכ אָפגעשיקט אינ ליובאָטינער שפּיטאָל, פלעגט קו-

מענ מיר מאכנ קאָמפּרעסנ. דאָס איז געווענ א וווּנדערבארער סאָוועטישער מענטש. ער האָט זיכ אָנגעשטויסנ, ווער איכ בינ. ווענ די שוועסטער האָט, פארשרײַבנדיק מײַנ פאמיליע, אימ עפּעס א שעפּטשע געטאָנ, האָט ער געענטפערט: „צו אונדז האָט עס קיינ שײַכעס ניט. אונדזער זאכ איז העלפנ דער דאָזיקער פרוי".

און אָט ליג איכ אינ דעמ ליובאָטינער שפּיטאָל. פאר מיר איז עס געווענ א גאנײַדנ. איכ בינ געלעגנ אפ א ווייכער בעט, קיינער האָט מיכ ניט געטריבנ. צוויי מאָל א טאָג האָט מענ מיר געגעבנ עסנ. דאָס איז אפילע געווענ א ביסל שיטערוכע, נאָר כאָטש א ווארעמע. אזוי בינ איכ אָפּגעלעגנ זעקס כאדאָשימ — פונ 7 פעווראל 1942 יאָר ביז 2 יול 1942 יאָר. מיר האָט אָפּגעגליקט: ווענ מע האָט מיכ צוגענומענ אינ שפּיטאָל, האָט מענ ניט א קוק געטאָנ אפ מײַנ פאס. און דער פאס איז די גאנצע צײַט געווענ מיט מיר. איכ האָב אימ באהאלטנ צווישנ די מאטראצנ.

עס ווערט מיר שרעקלעכ, ווענ איכ דערמאָנ זיכ, וויאזוי מע האָט מיר אמפּוטירט די פינגער אפ ביידע פיס, דערנאָכ געזעגנ די אינערלעכע ביינער. בא א כוידעש איז בא מיר געווענ היץ — 40 גראד. איכ האָב געקאָנט ליגנ נאָר אפ דער פּלייצע. איכ פלעג ניט קאָנענ שלאָפנ פאר ווייטעק. איכ האָב געוואָלט נאָר איינס — שטארבנ אינ שפּיטאָל. אָט וועט מענ מיכ אויסשרײַבנ — וווּהינ וועל איכ גיינ? איכ בינ מעקאנע געווענ יעדער שטארבנדיקער. דעמלט האָב איכ פארשטאנענ, וואָס פאר א גליק דאָס איז שטארבנ מיט א נאטירלעכנ טויט.

ווענ מע פלעגט ברענגענ קראנקע פונ כארקאָוו, פלעג איכ זיכ באהאלטנ מיטנ קאָפּ אונטער דער קאָלדרע און פלעג פונ דאָרט ארויסקוקנ מיט איינ אויג — טאָמער דערזע איכ א באקאנט פּאָנעמ? דער פּערסאָנאל האָט זיכ צו מיר באצויגנ אויסגעצייכנט, געהאָלפנ, מיט וואָס איינער האָט געקאָנט. דער כירורג האָט אויכ ארויסגעוויזנ פיל אויפמערקזאמקײַט. און דער איקער — אינ דעמ שפּיטאָל האָב איכ געפונענ מײַנ רעטונג. איינמאָל האָט מענ געבראכט פונ כארקאָוו א קראנקע, זי איז געווענ שווער קראנק און איז אינגיכנ געשטאָרבנ. זי איז אלט געווענ 38 יאָר. מיר האָט די גאנצע צײַט געקבערט איינ געדאנק — איר פאס וואָלט מיכ געקאָנט ראטעווענ. איכ האָב באקומענ דעמ דאָזיקנ פאס.

ווענ איכ בינ ארויס פונ שפיטאָל, האָב איכ אָפגעווינט צוויי וואָכנ בא איינער א שפיטאָל=שוועסטער. דערנאָכ האָב איכ זיכ געלאָזט אינ וועג. איכ האָב באשלאָסנ פרווּונ געפינענ מײַנ שוועסטער. איכ האָב זיכ אָנגעשטויסנ, ווּהינ זי האָט געקאָנט אײַוועקפאָרנ. דער וועג איז אָבער געווענ ניט קיינ לײַכטער. די ווּנדנ אפ די פיס האָבנ זיכ נאָכ ניט פארהיילט, אונ גיינ האָב איכ געמוזט צופוס, דערצו נאָכ א הונגעריקע. ווענ איכ בינ דערגאנגענ ביז מערטשיק, האָב איכ דערפילט, אז ווײַטער גיינ קאָנ איכ ניט — כ'בינ צו אָפגעשוואכט. איכ האָב זיכ געוואָלט זעצנ אינ א צוג, נאָר א דײַטש האָט בא מיר געפרעגט, צי איז בא מיר פאראנ א דורכלאָז=שײַנ. ער האָט מיכ ארויסגעוואָרפנ פונ וואגאָנ. א פאָליצײַ האָט מיר אנ אייצע געגעבנ גיינ נאָכ א דורכלאָז=שײַנ צומ קאָמענדאנט. עס האָט זיכ אָבער ארויסגעוויזנ, אז דער קאָמענדאנט איז א ווילדע כײַע, ניט קיינ מענטש. ער האָט מיכ אפילע ניט אויסגעהערט אונ גענומענ שרײַענ: „צומ טײַוול! ארויס פונדאנענ".

איכ בינ אָפגעזעסנ אפ דער סטאנציע ביז אינאָוונט, דערנאָכ בינ איכ אוועק אינ דעמ הויז, ווו עס וווינענ אײַזנבאנ=ארבעטער. דאָרט האָב איכ באגעגנט א גוטהארציקע פרוי, זי האָט מיכ אָנגעקאָרמעט אונ איבערגעלאָזנ ביז אינדערפרי. זי האָט מיר אויכ געהאָלפנ צו באקומענ א דורכלאָז=שײַנ.

איכ האָב זיכ ניט געקאָנט פאָרשטעלנ דאָס גליק — ניט שוינ זשע וועל איכ טאקע אינגיכנ זענ מײַנ איינציקע, מײַנ טײַערע שוועסטער? אונ עפשער האָבנ זי די דאָזיקע כײַעס דערהארגעט? דער צוג איז געגאנגענ פונ כארקאָוו. איכ האָב זיכ באהאלטנ אינ א ווינקל, אז קיינער זאָל מיכ ניט דערזענ. צוויי אזייגער בינ איכ געקומענ צו פאָרנ אינעמ שטעטל סמאָראָדינאָ. איכ בינ געגאנגענ איבער דער גאס אונ פלוצעמ האָב איכ פארשטאנענ, אז איכ וועל די שוועסטער ניט געפינענ — איכ קאָנ דאָכ ניט נאָכפרעגנ זיכ אפ איר, דאָס וועט ארויסרופנ א כשאד.

איינע א פרוי האָט דערזענ מײַנ פארלוירנקײַט. זי האָט געפרעגט: „וואָס איז מיט אײַכ?" איכ האָב געענטפערט, אז איכ בינ מיד אונ הונגעריק. זי האָט מיכ געבראכט צו פירנ צו זיכ אהיימ. מע האָט פאר מיר אוועקגעשטעלט עסנ, ברויט. איכ האָב זיכ אפ דעמ ארופגעוואָרפנ, ס'האָט מיר אזש פאר כארפע דאָס פאָנעמ געברענט. איכ האָב געזאָגט: „אנטשולדיקט מיכ. איכ וועל איינ מאָל אָפעסנ, אונ מער ניט". איכ האָב דאָרט געווינט

אָנדערהאלבנ כאדאָשימ, געקאָכט, געראמט. די דאָזיקע פרוי האָט געשפילט א גרויסע ראָליע אינ מײַנ לעבנ. עס האָט זיכ ארויס־געוויזנ, אז זי איז באקאנט מיט מײַנ שוועסטער.

וויאזוי זאָל איכ איבערגעבנ אונדזער באגעגעניש? מיר האָט זיכ געוואָלט ווארפנ זיכ צו דער שוועסטער, האלדזנ זי, קושנ—איכ האָב דאָכ געהאלטנ, אז זי איז אומגעקומענ, אונ זי—אז איכ בינ שוינ לאנג ניטאָ. נאָר דער שמועס איז געווענ א קאלטער. מיר האָבנ געמאכט דעמ אָנשטעל, אז מיר זײַנענ קוימ באקאנט. מע האָט געדארפט האָבנ אנ אײַזערנ געדולד אויסצוהאלטנ דאָס.

א יאָר מיט דרײַ כאדאָשימ האָב איכ אָפגעוווינט אינ סמאָ־ראָדינאָ. געווענ אי א קעכנ, אי א ניאנקע, אי א בעטלערנ, אופ־געהאלטנ זיכ אינ פארשיידענע ווינקלענ.

איכ האָב געזענ, ווי די דײַטשישע בארבארנ רעכענענ זיכ אָפ מיט דער יוגנט. גלײַכ נאָכנ באטראכטנ זיי, פלעגט מענ זיי פארשפארנ אינ א באזונדערער געבײַדע, מע פלעגט ניט לאָזנ אפילע זיכ געזעגענענ מיט דער מישפאָכע. די קרויווימ פלעגנ נאָכלויפנ, אונ די באנדיטנ פלעגנ שיסנ אינ זיי. עס זײַנענ גע־ווענ א סאכ פאלנ, ווענ די יוגנטלעכע פלעגנ זיכ קאליעטשענ אָדער באגיינ זעלבסטמאָרד, אבי ניט פאָרנ קיינ דײַטשלאנד. א שרעקלעכ בילד פלעגט זײַנ, ווענ עס פלעגנ אוועקגיינ די צוגנ. דער וואָקזאל האָט געציטערט פונ געוויינ. די אומגליקלעכע קינ־דער האָבנ געשריענ: „וווּהינ פירט איר אונדז, מערדער?“ די קרויווימ פלעגט מענ צו די וואגאָנעס ניט צולאָזנ.

דער פראָנט האָט זיכ דערנענטערט. צוויי וואָכנ זײַנענ מיר אָפגעזעסנ אינ א קעלער. אינ אונדזער הויז האָבנ געטראָפנ צוויי סנאריאדנ. ענדלעכ זײַנענ אינ סמאָראָדינאָ ארײַנ אונדזערע. איכ בינ געווענ אזוי גליקלעכ! אונדזערע!

ווידער בינ איכ אינ דער היימ — אינ כארקאָוו. איכ קאָנ פרײַ ארומגיינ איבער די גאסנ, קוקנ אלעמענ אינ די אויגנ... מיר דאכט זיכ, אז נאָכ דעמ אלעמענ, וואָס איכ האָב איבערגעלעבט, האָב איכ נאָכ מער ליב באקומענ אונדזער היימלאנד. דאָס איז א לאנד, וווּ יעדער מענטש האָט רעכט אָפ לעבנ.

מאריא מארקאָוונא סאָקאָל“.

כארקאָוו, נאָיאבער 1943 יאָר.

קיִעוו

דעמ 28 סענטיאבער 1941 יאָר זײַנענ אינ קיִעוו אויסגעהאנגענ געוואָרנ באפעלנ פונעמ דײַטשישנ קאָמענדאנט: אלע ייִדנ דארפנ זיכ מעלדנ דעמ 29 סענטיאבער 1941 יאָר אפ דער מעלניק=גאס, מיטנעמענדיק מיט זיכ געלט, די ווערטפולע כפייצימ אונ ווארעמע זאכנ.

דערוווּסט זיכ וועגנ דעמ באפעל, זײַנענ אײניקע ייִדנ באגאנגענ זעלבסטמאָרד. אפ לעגינ=גאס, אפ קאָראָלענקאָ=גאס, אפ פאָדוואלנע האָבנ זיכ א גאנצנ טאָג געוואלגערט מענטשנ, וואָס האָבנ זיכ ארויסגעוואָרפנ פונ די פענצטער פונ די אויבערשטע שטאָקנ. די עלטערנ פלעגנ פריִער ארויסווארפנ די קינדער אפנ ברוק, אונ דערנאָכ אלײנ זיכ ארויסווארפנ.

דעמ 29 סענטיאבער פונ גאנצ פרי אָנ האָבנ זיכ איבער לוקיאנאָווקע אָנגעהויבנ ציִענ האמוינימ ייִדנ. העכער 60 טויזנט. די אלטע לײַט האָט מענ געטראָגנ אפ די הענט, אפ טראָג=בעטלעכ, אפ קאָלדרעס. מוטערס האָבנ געפירט די קינדער אינ האנטוועגעלעכ.

אפ איינ טיש האָט מענ צונויפגעלייגט דאָס געלט אונ די ווערטפולע כפייצימ, אפנ אנדערנ די ווארעמע זאכנ. אפ דעמ האָט אכטונג געגעבנ דער שעפ פונעמ קאָנצלאגער פאול ראדאָמסקי אונ זײַנ געהילפ רידער. וואָס נעענטער צו באבי יאר, איז דער קאָרידאָר אלצ שמעלער געוואָרנ: פונ ביידע זײַטנ זײַנענ געשטאנענ סאָלדאטנ. מע האָט געשאָסנ פונ אווטאָמאטנ אונ קוילנווארפערס. די טויטע קערפערס האָט מענ ארײַנגעוואָרפנ אינ יאר.

די פארורטײלטע האָבנ ניט גלײַכ פארשטאנענ, וואָס עס דערווארט זיי, אָבער אינגיכנ זײַנענ די קלאנגענ וועגנ דער דערמאָרדונג פונ דער ערשטער פארטיע דערגאנגענ צומ אוילעמ. מענטשנ האָבנ געפרוווט אנטלויפנ, דער גאנצער ראיאָנ איז אָבער געווענ ארומגערינגלט. די נײַ אָנגעקומענע האָבנ איבערגעלאָזנ די זאכנ אינ פעלד, קעדיי זיי זאָלנ ניט אָנקומענ די דײַטשנ. אײניקע האָבנ זיכ קעגנגעשטעלט אונ זײַנענ דערהארגעט געוואָרנ אפ אָרט. פאול ראדאָמסקי האָט געלאָזנ זײַנ הונט „רעקס“ אפ דער יוגנט.

די קינדער האָט מענ געוואָרפנ אינ גרוב לעבעדיקערהייט. אײנעמ א מיידעלע האָט א געשריי געטאָנ: „וואָס שיט איר מיר זאמד אינ די אויגנ?“

גוסינאָ

גוסינאָ איז א ישעוו אינ סמאָלענסקער געגנט. דאָרט איז געווענ א לעדער־זאַוואָד, א טעכניקומ, א צעניאָריקע שול. די מערהייט פונ דער באַפעלקערונג זיינענ געווענ ייִדנ. די דײַטשנ האָבנ פאַרברענט דעמ ישעוו.

פונ אָנהייב האָבנ די דײַטשנ באַזעצט די ייִדנ אינ געטאָ: דאָס זיינענ געווענ דרײַ שטיבלעכ, אַרומגערינגלטע מיט שטע־כיקנ דראָט. די אײַנוווינער האָבנ געפּרוווט באַהאַלטנ די ייִדנ, כאָטש דערפאַר האָט געדראָעט טויט. באַזונדערס דרייסט האָט זיכ אופגעפירט די אַלטע לערערינ אַנטאָנינא זאַכאַראָוונא זשאַ־ריקאָווא.

דעמ 6 פעוראַל 1942 יאָר איז קיינ גוסינאָ געקומענ אַנ אָטריאַד עסעס. א גאַנצע נאַכט האָט מענ אַפנ ייִדישנ בעסוילעמ געגראָבנ א גרוב. אינדערפרי איז זי געווענ פאַרטיק.

דעמ 7 פעוראַל אינדערפרי האָט זיכ אָנגעהויבנ א שטאַרקע זאַווערוכע. דער אַלטער גלושענקאָוו האָט געזאָגט: „גאָט איז אינ קאַעס געוואָרנ אַפ די אויסוואָרפנ“... די דײַטשנ האָבנ אַרויסגע־טריבנ די ייִדנ פונ געטאָ אַפנ בעסוילעמ. קראַנקע האָט מענ אָוועקגעלייגט אַפ שליטנס אונ געפירט גלײַכ צו דער גרוב. עס האָט זיכ אָנגעהויבנ די שכיטע. א סאַכ האָט מענ געוואָרפנ אינ גרוב אַרײַנ לעבעדיקערהייט. אייניקע האָבנ געפּרוווט אַנטלויפנ. מע האָט זיי געכאַפּט לעבנ ישעוו אונ צעשאָסנ.

אזוי זיינענ אומגעקומענ פרויענ, אַלטע לײַט אונ קינדער — 218 נעפּאַשעס.

אינגיכנ נאָכ דעמ, ווי די רויטע אַרמיי האָט באַפרײַט דעמ ישעוו, איז אַהינ געקומענ צו פאָרנ דער קאַפּיטאַנ אײַזענשטאַדט. ער האָט זיכ דערוווסט, אַז די דײַטשנ האָבנ דערהאַרגעט זײַנ שוועסטער — א דאָקטערינ אונ זײַנ זיבעציקיאָריקע מוטער.

מאָזיר

„איכ בינ געבוירנ געוואָרנ אינ מאָזיר אינ 1916 יאָר. פונ 1933 יאָר אָנ האָב איכ געאַרבעט אינ מינסק, געווענ אַנ אינ־זשעניער — א דיספּעטשער.

דעמ 25 יונ 1941 יאָר בינ איכ אַרויס פונ דעמ ברענענדיקנ מינסק אַפנ מאָסקווער שאָסיי. ער איז געווענ פאַרפּאַקט מיט פליטימ. איכ בינ דורכגעגאַנגענ בא 50 קילאָמעטער, איבערגע־

געכטיקט, איגדערפרי האָב איכ זיכ געלאָזט וויטער. עס האָבנ
זיכ באוויזנ פאשיסטישע עראָפּלאנעג, זיי האָבנ אונדז פארוואָרפנ
מיט באָמבעס, געשאָסנ אינ אונדז פונ קוילנווארפערס. עס זיי=
נענ געווענ א סאכ קאָרבאָנעס: אלטע לייט, פרויענ, קינדער. איכ
האָב זיכ באהאלטנ. באנאכט האָט די באָמבארדירונג אופגע=
הערט. איכ בינ ארויס אפנ וועג, אופגעהויבנ די הענט אונ א
געשריי געטאָנ: „כאווייריִם, נעמט מיכ מיט". איינ מאשינ האָט
זיכ אָפּגעשטעלט. איכ האָב געעפנט דאָס טירל: „כאווייריִם!.."
איכ האָב דערהערט אנ ענטפער: „רוס, וועק!"

פיר טעג האָב איכ ארומגעבלאָנקעט איבערנ וואלד, אָנ ברויט,
אָנ וואסער. אפנ פינפטנ טאָג בינ איכ געקומענ אינ דערפל סקו=
ראטי. דאָרט איז געווענ א סאכ פלייטים. עס זיינענ געקומענ די
דייטשנ אונ האָבנ אוועקגעטריבנ אלעמענ קיינ מינסק. לעבנ
שטאָט האָבנ זיי פארהאלטנ אלע מאנצבלעג.

מינסק איז געווענ ניט צו דערקענענ: אומעטום כורויעס,
פארקוילטע קערפערס. אפ די ווענט זיינענ געהאנגענ באפעלנ:
אלע מאנצבלעג פונ 16 ביז 55 יאָר דארפנ זיכ טייקעפ מעלדנ
אינ דער קאָמענדאטור. ווער עס וועט זיכ ניט מעלדנ, וועט צע=
שאָסנ ווערנ.

די מאנצבלעג האָט מענ פארשפארט אינ א לאגער. פונ אָנ=
הייב האָט ער זיכ געפונענ אפנ סטאראָזשעווער בעסוילעם. דאָרט
האָט מענ אָפּגעהאלטנ די מענטשנ צוועלפ טעג אָנ עסנ אונ אָנ
טרינקענ. ווענ מע פלעגט ברענגענ א פעסל וואסער, פלעגנ זיכ
די מענטשנ ווארפנ צו דעם, אונ די דייטשנ פלעגנ שיסנ. דער=
נאָכ האָט מענ דעם לאגער אריבערגעפירט צום טייכ סוויסלאָטש,
אָבער וואסער פונ טייכ האָט מענ פארבאָטנ צו נעמענ. די יידנ
האָט מענ אָפּגעטיילט פונ די איבעריקע. מע האָט זיי שטארק
געשלאָגנ. אייניקע האָט מענ אויסגענוצט אלס ציל באם לערנענ
זיכ שיסנ. איכ האָב געזענ, ווי מיינ מיטארבעטער דעם טעכני=
קער — אינזשענער בערנשטיינ האָט מענ צוגעבונדנ צו
א סלופ אונ געשאָסנ אינ אים.

אינ עטלעכע טעג ארום איז ארויסגעהאנגענ געוואָרנ א בא=
פעל וועגנ דער רעגיסטראציע פונ אלע יידנ אונ וועגנ דעם, אז
זיי דארפנ ארייננטראָגנ „קאָנטריבוציע". אונ דעם 15 יול האָט
מענ די יידנ אריבערגעפירט אינ „געטאָ" — לעבנ דעם יובילייִ=
פלאצ. מע האָט געמאָלדנ, אז די יידנ וועלנ דארפנ אופבויענ
א שטיינערנע וואנט, וואָס זאָל זיי אָפּטיילנ פונ דער וועלט.
האָט מענ אָנגעהויבנ בויענ די וואנט. נאָר דעמלט איז ארויס=

געגעבנ געוואָרנ א באַפעל וועגנ ארומרינגלענ די „געטאָ“ מיט שטעכיקע דראָט. עס איז געמאָלדנ געוואָרנ, אז יעדער ייד,— א מאנצבל צי א פרוי, א דערוואקסענער צי א קינד,— וועלכנ מע וועט כאַפּנ הינטער די גרענעצנ פונ דער „געטאָ“, וועט צע-שאָסנ ווערנ. כוץ דעמ האָבנ די יידנ געמוזט טראָגנ אפ דער פלייצע אונ אפ דער ברוסט א געלע לאַטע.

אינ מינסק זײַנענ פארעגיסטרירט געוואָרנ 75 טויזנט יידנ. מע האָט זיי באַזעצט אפ דרײַ גאסנ אינ קליינע אײַנגשטאָקיקע שטיבעלעכ. אינ יעדנ צימערל האָבנ זיכ אופגעהאלטנ פינפ מיש-פאָכעס. מענטשנ זײַנענ געשלאָפנ שטייענדיקערהייט. מע פלעגט טרײַבנ אפ ארבעט, קאָרמענענ פלעגט מענ ניט, באַנאַכט פלעגט מענ שלאָגנ.

אינ „געטאָ“ בינ איכ געווענ דרײַ וואָכנ. דעמ 6 אויגוסט בינ איכ אריבערגעקראָכנ איבער די דראָט אונ האָב זיכ אָנגע-הויבנ דורכקלײַבנ קיינ מאָזיר. געגאנגענ בינ איכ לאנג — איכ בינ געווענ זייער אָפּגעשוואכט. ענדלעכ, דעמ 30 אויגוסט בינ איכ געקומענ אינ מײַנ היימ-שטאָט מאָזיר.

מײַנ פאָטער, מײַנ זיידע, מײַנ עלטערזיידע זײַנענ געבוירנ געוואָרנ אינ מאָזיר. מײַנ פעטער — דער גראווער דער קינסטלער רוכאָמסקי האָט געוווינט אינ פאריז. דאָרט האָט ער אפ די עלטערע יאָרנ אָנגעשריבנ א בוכ וועגנ זײַנ לעבנ אונ האָט מיט ליבע באַשריבנ מאָזיר. מיר זײַנענ געווענ שטארק צוגעבונדנ צו אונדזער שטאָט.

מאָזיר האָט אפ מיר געמאכט אנ אײַנדרוק, ווי אלע וואָלטנ אימ פארלאָזנ. קיינ דײַטשנ זײַנענ אינ שטאָט ניט געווענ: זיי זײַנענ אוועק אפ מיזורעכ. איכ האָב באַגעגנט עטלעכע אלטע פרויענ. זיי האָבנ מיר דערציילט, אז מײַנע קרובים האָבנ זיכ באַוויזנ צו עוואקוירנ. איכ בינ ארײַנ צו זיכ אהיימ. דאָרט איז אלצ געווענ צעראבירט. מיכ האָט ארײַנגענומענ צו זיכ אינדוע-רע א שכיינע — א ווײַסרוסנ — די מומע נאשע.

דעמ 8 סענטיאבער, ארומבלאָנקענדיק איבער די פוסטע וויסטע גאסנ, האָב איכ פלוצעמ דערזענ דײַטשישע סאָלדאטנ אינ מאסקירונגס-כאלאטנ. זיי זײַנענ געגאנגענ אונ האָבנ גע-שאָסנ אינ די פענצטער. עס האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז ס'איז געקומענ א שטראָפ-אָטריאד. יענעמ טאָג זײַנענ דערהארגעט גע-וואָרנ: דער אלטער שוסטער מאליאווסקי, א פוילישע ארטיסטנ, וואָס איז געקומענ צו פאָרנ פונ פינסק, א ווײַסרוסישע מישפאָ-כע, וואָס האָט געוווינט אפ פושקינ-גאס, א צווייטע מישפאָכע,

אויפ ווײַפּרוסנ, וואָס האָט געווײנט אפ פּיאַטניצקע, דער אלטער לאַכמאַנ מיטנ ווײַב אונ א סאַכ אנדערע. דעמ אלטנ לאַכמאַנס טויטנ גופ האָבנ הינט ארומגעשלעפּט איבער דער גאַס פונ נײַ-בוייונגענ (נאָוואָסטראָיעניא).

פונ דער מומע גאַשע האָב איכ זיכ געמוזט ארויסציִענ. איכ בינ אריבער צו דער באָבע גאָלדע באָבראָווסקע. זי איז אלט געוועזנ 73 יאָר. געווױנט האָט זי אינ עק שטאָט.

דעמ 9 סענטיאַבער בינ איכ אוועק אפ דער גאַס אפ פּאָעטס נאָמענ. דאָרטנ האָבנ געווױנט א סאַכ יִדנ. אינ יעדער דירע האָבנ זיכ געוואלגערט טויטע: זקײנעס, קינדער, פרויענ מיט אופגעטרענטע בײַכער. איכ האָב דערזענ דעמ אלטנ מאַלקינ. ער האָט ניט געקאָנט אוועקגײנ פונ מאָזיר — בא אימ זײַנענ געוועזנ פּאַראַליזירט די פיס. ער איז געלעגנ אפנ דיל מיט א געפּלעטנ קאָפּ.

איבערנ געסל „ראָמאַשאָוו ראָוו" איז געגאַנגענ א ייִנגער דײַטש. ער האָט געטראָגנ אפנ באַגנעט א יאָריק קינד. דאָס פּיצל האָט נאָכ שטיל געשריִענ. אונ דער דײַטש האָט געזונגענ. ער איז געווענ אזוי פאַרטאָנ, אז ער האָט מיכ אפילע ניט באמערקט.

איכ בינ ארײַנ אינ עטלעכע הײַזער. אומעטום טויטע, בלוט. אינ אײנעמ א קעלער האָב איכ געפונענ לעבעדיקע: דאָרט האָבנ זיכ אויסבאהאלטנ עטלעכע פרויענ מיט קינדער. זײ האָבנ מיר דערציילט, אז די אלטע זײַנענ אוועק צו די רויענ, לעבנ דער פּושקינ-גאַס.

דעמ 10 סענטיאַבער אינדערפרי האָב איכ דערהערט א שיסערײַ: מע האָט ערגעץ געשאָסנ. אפ לעני-גאַס האָב איכ דערזענ דעמ אלטנ קראַנקנ היטלמאַכער סימאָנאָוויטש. ער האָט ניט געקאָנט גײנ. די דײַטשנ האָבנ אימ געשלאָגנ מיט האָל-בעס, געשטופּט פאָרויס, אונ ער האָט ניט געקענט גײנ.

איכ האָב זיכ אומגעקערט צו דער באָבע גאָלדע. איכ בינ געזעסנ אפנ גאַנעק אונ געטראַכט, ווי זיכ דערקלײַבנ צומ פראָנט. עס איז געווענ א זײגער זעקס אָדער זיבנ אינאָוונט. פּלוצעמ האָב איכ דערזענ: איבער דער גאַס פונ נײַ-בוייונגענ פירט מענ יִדנ. אײניקע האָבנ געטראָגנ לאָפּעטעס, איכ האָב צוערשט גע-מײנט, אז מע פירט זײ אפ ארבעט. א מאַנ צוויי הונדערט איז דאָרט געווענ. פונ פאָרנט זײַנענ געגאַנגענ בערדיקע אײַנגעהוי-קערטע זקײנימ, נאָכ זײ — ייִנגלעכ פונ 12—15 יאָר, ווײַטער — עטלעכע מאַנצבלענ, וואָס האָבנ געשלעפּט כאַלאָימ אונ קאַליקעס. אײנער — א הויכער, א דארער האָט געפירט אונטער די הענט

צוויי גרײַז=גראָע זקײנימ. ער איז געגאַנגענ מיט א הויכנ קאָפּ און האָט געקוקט אינ דער הייכ. די דײַטשנ האָבנ אימ געשלאָגנ מיט די קאָלבעס. ער האָט קיינ איינ מאָל קיינ געשריי ניט געטאָנ. איכ וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסנ זײַנ פּאָנעמ.

מע האָט זיי געבראַכט צו פירנ צו א שטײַלנ באַרג=אַרויפ, געצווּנגענ אַרויפצוקלעטערנ. די אַלטע האָבנ זיכ קעסיידער אַראָפּגעריסנ, זײַנענ געפאַלנ צוריק. מע האָט זיי געשטופּט מיט באַגנעטנ. דערנאָכ האָב איכ דערהערט א קוילנוואַרפער=ריי.

אינ א האַלבער שעה אַרומ האָבנ זיכ שוינ די דײַטשנ אומגעקערט פונ באַרג. זיי האָבנ געזונגענ לידער.

מענטשנ, וואָס זײַנענ געווענ אפנ באַרג, האָבנ דערציילט, אַז די דײַטשנ האָבנ געוואָרפנ די זקײנימ אינ גרוב אַרײַנ לעבעדיקערהייט. אייניקע האָבנ געפּרוווט אַרויסקריכנ, האָט מענ זיי אָפּגעהאַקט די הענט.

ווענ אָט די גרופּע פאַשיסטנ איז שוינ געגאַנגענ צוריק, האָב איכ דערזענ, ווי צוויי סאָלדאַטנ שלעפּנ אַרויפצו נאָכ צוויי ייִדנ. די דײַטשנ האָבנ זיכ געײַלט, האָבנ אונטערגעשטופּט די יונגע מיט די קאָלבעס. ווי נאָר יענע האָבנ זיכ אַרויפגעדראַפּעט, האָבנ זיכ דערהערט שאָסנ. די דאָזיקע צוויי האָט מענ ניט פאַרגראָבנ — די סאָלדאַטנ האָבנ זיכ געײַלט דעריאָגנ זייער גרופּע. זיי האָבנ אויכ געזונגענ.

דאָס הויז, ווו איכ האָב גענעכטיקט, האָט זיכ געפונענ א מעטער הונדערט פונ רוי. א גאַנצע נאַכט האָב איכ געהערט קרעכצנ. פונ דעמלט אָנ זײַנענ אַוועק צוויי יאָר, נאָר יעדע נאַכט הער איכ, ווי עמעצ קרעכצט.

אַפּ מאָרגנ אינדערפרי האָט מיכ די מומע נאַשע באַגעגנט מיט די ווערטער: „מיר זײַנענ אַלע פאַרפאַלנ". זי האָט דערציילט, אַז די דײַטשנ טרײַבנ די פרויענ און קינדער צו דעמ טײַכ פריפּעט, דערנאָכ וואַרפט מענ זיי אַראָפּ אינ טײַכ. די קינדער הייבט מענ אופ אפ די באַגנעטנ. די מומע נאַשע האָט געשריענ: „וואָס האָבנ זיי צו די קינדער?.. כײַעס! זיי וועלנ אַלעמענ דערהאַרגענענ!.."

איכ האָב זיכ אומגעקערט אינ דער הייכ. נאָלדע באַבראָווסקע האָט געדאַוונט. אינאָוונט זײַנענ געקומענ דײַטשנ און פּאָליציי=לײַט. זיי האָבנ געפרעגט בא מיר: „ווו געפינענ זיכ דאָ ייִדנ?" איכ האָב געענטפערט, אַז איכ ווייס ניט, כ'בינ ניט קיינ הייגע. אינ דער רעגע האָבנ זיי דערזענ די אַלטע נאָלדע. זיי האָבנ

זיכ ארויפגעוואָרפנ אפ איר, האָבנ זי אָנגעהויבנ שלאָגנ מיט די קאָלבעס. איכ בינ ארויסגעלאָפנ אונ כ'האָב זיכ באהאלטנ אינ דער קוקורוזע. ס'איז געקומענ צו גיינ די באלעבאָסטע אונ האָט מיר געזאָגט: „זיצ דאָ. זיי זוכנ דיכ". עס איז געווענ זייער א שיינער זונ-פארגאנג. איכ האָב געוואַרט, ווענ זיי וועלנ קומענ.

זיי זײַנענ אָבער אוועק. כ'האָב זיכ איבערגעטאָגנ אונ זיכ ארויסגעגאַנוועט פונ שטאָט. איכ האָב באשלאָסנ אריבערכאפנ זיכ איבערנ פראָנט. אינעמ דאָרפ קאָזענקי האָב איכ באגעגנט אנ ארבעטער, וואָס איז געקומענ פונ מאָזיר. איכ האָב אימ אמאָל געטראָפנ בא באָבראָווסקענ. ער האָט מיר געזאָגט, אז די אלטע גאָלדע האָט מענ געשטאָכנ מיט א באגנעט. איר קערפער האָט מענ אוועקגעוואָרפנ לעבנ בעסוילעמ. דאָרטנ ליגנ א סאכ מייסימ — אלטע לײַט, קינדער. קיינער באגראָבט זיי ניט. עס ליגנ שטיקער גופ, קעפ, הענט, פיס. די ייִדנ האָט מענ שוינ אינ שטאָט אויסגעשאָכטנ. איצט האָבנ זיכ די שטראָפ-אָטריאדנ אוועקגעלאָזט אינ די דערפער. דער ארבעטער האָט געזאָגט: „איר זײַט נאָכ יונג. איכ ווייס ניט, ווער איר זײַט, נאָר ס'איז א ראכמאָנעס אפ אײַכ. גייט אוועק".

אינ דעמ דאָרפ קאָזענקי האָט געוווינט א ייִדישע לערערנ. איר מאנ איז געווענ א ווײַסרוס. איכ בינ צו איר ארײַנגעגאנגענ. דאָס איז געווענ א יונגע, בילד-שיינע פרוי. זי האָט געהאט דרײַ קינדער. דאָס עלטערע איז אלט געווענ זעקס יאָר, דאָס ייִנגסטע איז נאָכ ניט ארומגעגאנגענ. איכ האָב איר פארגעלייגט אוועקגיינ מיט מיר. זי האָט געענטפערט: „וווהינ וועל איכ גיינ מיט דרײַ אייפעלעכ?" ווענ איכ האָב גענעכטיקט אינ א צווייטנ דאָרפ, האָב איכ זיכ דערוווּסט, אז א שטראָפ-אָטריאד איז געווענ אינ קאָזענקי. די דײַטשנ האָבנ דערהארגעט די לערערנ אונ אירע קינדער.

נאָכ א סאכ שווידערלעכע זאכנ האָב איכ געזענ. כ'האָב געזענ די געטאָ אינ אָרשע. זי איז נאָכ שרעקלעכער פונ דער מינסקער געטאָ. האלב פארפרוירענע זקיינימ האָבנ זיכ געפּאָרעט צווישנ די מייסימ. מיידלעכ, מיט צעבײַלטע אונ צעקײַלטע פּענעמער אונ קערפערס, געשוואָלענע פאר הונגער, האָבנ געפרעגט: „ווענ וועט מענ נאָכ אונדז קומענ?" — זיי האָבנ געוואַרט אפנ טויט, ווי אפ אויסלייזונג. איכ האָב געזענ אינ אָרשע א לאַגער פונ קריגסגעפאנגענע. די פאשיסטנ האָבנ דאָרט געשלאָגנ די געפאנגענע מיט די שטיוול, מיט די קאָלבעס, בײַטשנ. איכ האָב

געזעסנ א לאגער אינ סמאָלענסק. ניט מענטשנ, נאָר שאָטנס פונ מענטשנ האָבנ געדארפט פארגראָבנ די טויטע — צו 300—400 א טאָג. אינ דער שטאָט פּאָטשינאָק האָט מענ מיכ ארעסטירט. מע האָט מיכ געפּייניקט, געוואָלט זיכ דערוויסנ, צי איכ בינ א ייִדיש קינד. איכ האָב געשוויגנ. מע האָט מיכ געשמיסנ, אויס= געהאקט מיר די ציינער. אינ פּאָטשינאָק האָב איכ געזענ, ווי מע האָט אויפגעהאנגענ רוסנ. איכ האָב געזענ דייטשנ, וואָס האָבנ געראבעוועט, געהארגעט אונ געלאכט. איכ בינ געגאנגענ אפ מיזרעכ, א הונגעריקע, א באָרוועסע. איכ האָב צונויפגענומענ זאנגענ אינ פעלד, געבעטנ נעדאָוועס. א דייטשישע מאשינ איז מיכ איבערגעפאָרנ אונ צעבראָכנ מיר א פוס. איכ בינ קראנק געוואָרנ מיט פלעק=טיפוס אונ כ'האָב געבעטנ באם דאָקטער, ער זאָל מיכ ניט היילנ. איכ האָב זיכ דערקליבנ ביז אָריאָל. איכ האָב געזענ פּארטיזאנער, איכ האָב געזענ דעם קאמפ פונ סאָ= וועטישע מענטשנ קעגנ די פארכאפער. איכ האָב געזענ גאָבלקייט אונ נידערטרעכטיקייט, איכ האָב געזענ פלוגבלעטלעכ, באָמבעס אונ געסטאפּאָווצעס. אונ אָט האָב איכ דערזענ א נעס: דעם 5טנ אויגוסט 1943 יאָר — א רויטנ שטערנ אפנ היטל פונ א רויטארמייער.

איכ מוז נעקאָמע נעמענ. איכ מוז לעבנ אונ ארבעטנ. נאָר איכ קאָנ ניט פארגעסנ מאָזיר: דאָס פּאָנעם פונ דער אלטער גאָלדע, די קערפּערס פונ די פּארפּייניקטע מענטשנ. אונ די קרעכצנ פונ די, וואָס אפנ בארג, — פונ די, וואָס מע האָט פאר= גראָבנ לעבעדיקערהייט. איכ הער זיי יעדע נאכט.

באסיע פיקמאנ".

דעקאבער, 1943 יאָר.

אינ געפאנגענשאפט

1

דעם 21 אָקטיאבער 1941 יאָר אינדערפרי באם ארויבער= גיינ דעם טייכ סולא איז אונדזער טייל ארומגערינגלט געוואָרנ, אונ איכ בינ ארייננעפאלנ אינ געפאנגענשאפט. די דייטשנ האָבנ אונדז גלייכ אוועקגעשיקט אינ סטעפּ. דאָרט האָט מענ אָפּגע= קליבנ ייִדנ אונ קאָמאנדירנ. אלע האָבנ געשוויגנ, נאָר די דייטשנ, וואָס האָבנ געוווינט אינ סאָוועטנפארבאנד, פלעגנ ארויסגעבנ. מע האָט ארויסגעפירט 30 מענטשנ, מיט אידיעקענישנ אויס=

געטאָנ זיי, צוגענומענ דאָס געלט, דעמ זייגער אונ פארשיידענע קלייניקייטנ. אונדז האָט מענ אוועקגעפירט אינ דאָרפ, אונטערווענס געשלאָגנ-געהארגעט אונ דערנאָכ געצוווּנגענ גראָבנ א רוי. מע האָט אונדז אוועקגעשטעלט אפ די קני אונ געשריענ: „יודישע שווײַנע". איכ האָב זיכ אָפּגעזאָגט צו גראָבנ, ווײַל כ'האָב געוווּסט, אז דאָס איז פאר מיר. מע האָט מיכ צעמיימעסט. מע האָט אָנגעהויבנ צעשיסנ, די צעשאָסענע האָט מענ גענומענ פאר די פיס אונ געשלײַדערט אינ רוי.

איכ האָב געזאָגט דעמ איבערזעצער, אז איכ בינ אנ איזבעק אונ אז כ'האָב געוווינט אינ אזערבײַדזשאנ. איכ בינ געווענ שווארצ, אינגאנצנ פארוואקסנ, מיט א שווארצער באָרד אינ שווארצע וואָנצעס. מע האָט מיר דערלאנגט מיט א שטעקנ איבערנ קאָפּ אונ ארײַנגעטריבנ אינ א שטאל. עס איז צוגעגאנגענ א פרעמדע פרוי, האָט מיר דערלאנגט א צעריסנ היטל, מער האָט זי קיינ זאכ ניט געהאט. זי האָט געזאָגט וועגנ די דײַטשנ, אז זיי זײַנענ באנדיטנ. זי האָט געזאָגט: „פארוואָס צעשיסט איר זיי? זיי פארטיידיקנ דאָכ זייער אייגענע ערד". מע האָט זי שטארק געשלאָגנ, אונ זי איז אוועק.

געקאָרמעט האָט מענ אונדז מיט פּראָסע אונ יעדנ טאָג געשלאָגנ. אזוי האָב איכ זיכ געמאטערט 18 טעג. עס איז געקומענ דער קאָמענדאנט אונ האָט געזאָגט, אז אונדז וועט מענ אוועקטרײַבנ קיינ לוואָוו אונ פונ דאָרטנ קיינ נאָרוועגיע. איכ האָב זיכ געווענדעט צו די כעווריע אונ האָב געזאָגט, אז איכ בינ געבוירנ געוואָרנ אינ אוקראַינע אונ וועל דאָ שטארבנ. יענע נאכט זײַנענ אנטלאָפנ הונדערט מענטשנ, נאָר מיר האָט זיכ מיט זיי ניט אײַנגעגעבנ צו אנטלויפנ. מע האָט אונדז אויסגעשטעלט. דערנאָכ האָבנ מיר זיכ באהאלטנ אינ א כאזער-שטאל. עס איז געווענ פינצטער אונ מע האָט אונדז ניט געפונענ. די דײַטשנ האָבנ געשריענ: „רוס, גיי ארויס", נאָר מיר האָבנ געשוויגנ. איכ בינ דערגאנגענ ביזנ שכייניש כוטאָר, דאָרט האָט מענ מיר געזאָגט, אז קיינ דײַטשנ זײַנענ ניטאָ, מע האָט מיכ אָנגעקאָרמעט אונ באוויזנ דעמ וועג. איכ האָב באשלאָסנ צו גיינ קיינ כארקאָוו.

איכ בינ געגאנגענ דורכ אָקופּירטע שטעט אונ דערפער, איכ האָב געזענ איזדיעקענישנ, גוואלדטאטנ איבער אונדזערע ברידער, טליִעס אונ שאנד-הײַזער, איכ האָב געזענ פארשיידענע רעציכעס אונ גזיילעס. איכ בינ פארבײַגעגאנגענ דניעפּראָפּעטראָווסק, וווּ איכ בינ געבוירנ געוואָרנ אונ וווּ כ'האָב געלעבט. איכ האָב

זיך דערוווּסט, אַז מײַן ברודער און זײַן מישפּאָכע ווײַנען צעשאָסן געוואָרן. דעם 16 אָקטיאַבער 1941 יאָר האָבן די דײַטשן צעשאָסן 30 טויזנט בריִדלעכע אײַנוווינער פון מײַן היים־שטאָט, און איך בין געווען אין דניעפּראָפּעטראָווסק דעם 24 אָקטיאַבער. איך בין אַוועק ווײַטער, כ'בין געווען אין סינעלניקאָוואָ, כ'האָב געזען געהיים מײַן שוועסטערקינד, זײַן ווײַב און קינדער. די דײַטשן האָבן זיי באַראַבעוועט, צעמיימעסט. אין סינעלניקאָוואָ איז נאָך אָבער דעמאָלט ניט געווען קיין געטאָ, און דעריבער האָט נאָך מײַן שוועסטערקינד און זײַן מישפּאָכע געלעבט. כ'בין געגאַנגען דורך פּאַוולאָגראַד, דאָרט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אַ צווייט שוועסטערקינד מײַנס איז דערהרגעט געוואָרן, פּונקט ווי אַנדערע 4000 אײַנוווינער פון פּאַוולאָגראַד. כ'האָב געזען און כ'האָב געלייענט די נאַרישע מעלדונגען פון די דײַטשן, אין וועלכע עס איז ניט געווען קיין איין וואָרט וועגן די הרוגים און רויבערייען. כ'האָב געזען, ווי די דײַטשן האָבן צוגענומען ווײַץ און געשיקט עס אַף מערעוו, איך האָב געזען, ווי זיי האָבן צוגענומען קליידער, בעטגעוואַנט, ופּי.

איך בין געגאַנגען איבערן באַן־אָנשיט און געזען, ווי עס גייען אַף רויב דײַטשן, איטאַליענער, רומענער, אונגאַרן. די איטאַליענער זײַנען אַף אייזלען געפֿאָרן צו לאָזאָוואַיאַ, נאָך זיי — די אונגאַרן, אַף דאָרעם זײַנען געגאַנגען די רומענער. איך בין געגאַנגען אי מיט אַ היי־גאָפּל, אי מיט אַן עמער, אי מיט אַ בײַטש. איך בין געווען אָרומגעוואַקסן און בין ענלעך געווען צו אַן אַלטן. אַזוי בין איך דערגאַנגען ביזן פֿראָנט און בין אַריבער איבערן פֿראָנט.

רויטאַרמייער אַלעקסאַנדער שאַפּיראָ.“

14 נאָיאַבער, 1942 יאָר.

2

„אונדזער טייל איז אַרײַנגעפֿאַלן אין אַרומרינגלונג. דאָס איז געווען אין טשערניגאָווער געגנט. איך בין געווען אין פֿיר לאַגערן: אין נאָווגאָראָד־סעווערסק, אין באָברויסק, אין האָמעל און אין מינסק. באַשרײַבן דעם גאַנצן שוידער איז אוממעגלעך. כ'וועל זיך אָפּשטעלן אַפֿן לעצטן לאַגער — אין מינסק.

דער לאַגער האָט זיך געפֿונען אין קאָמאַראָווקע, אַפֿן מאָסקווער שאָסיי. דאָס איז געווען אַ ניט דערבויט פֿינפֿשטאָקיק הויז. דאָ האָבן זיך אָנגעהאַלטן העכער 5000 קריגסגעפֿאַנגענע. ווען

מיר זײַנענ געקומענ — באַ א 1000 מאנ — האָט מענ אונדז ארײַנגעזעצט אינ א שטאל. געקאָרמעט האָט מענ אונדז מיט א ביסל זופ פונ איבערגעברענטנ מעל. קײנ ברויט האָט מענ ניט געגעבנ. קעדײ זיכ צו דערווארעמענ — ס'איז געווענ אָקטיאבער — פלעגנ מיר מאכנ שײַטערהויפנס. אײנמאָל האָט מענ א געשרײַ געטאָנ „עסנ“. אלע זײַנענ ארויסגעלאָפנ, דעמ שײַטער האָט מענ ניט פארלאָשנ, אונ דער שטאל האָט זיכ אָנגעצונדנ. מע האָט אונדז אויסגעשטעלט. דער קאָמענדאנט האָט אָפגעצײלט 100 מאנ. מע האָט זײ גלײַכ צעשאָסנ.

אלע האָבנ געוואָלט גײנ אפ ארבעט, ווײַל די אײַנוווינער פלעגנ אונדז זענ ארײַנרוקנ א שטיקל ברויט. פרעטענדענטנ אפ ארבעט איז געווענ צו פיל. די וואכ-סאָלדאטנ פלעגנ אונדז שלאָגנ מיט גומענע שטעקנס אונ שיסנ. יעדנ טאָג פלעגנ זײ דערהארגענענ צו 30—40 מאנ. די מענטשנ האָבנ אָנגעהויבנ קרענקענ אפ דיזענטעריע. ווענ מע פלעגט ארויסגײנ אינ דרויסנ, פלעגנ די דײַטשנ שיסנ. אינדערפרי פלעגנ מיר געפינענ די קערפערס פונ די דערהארגעטע.

ווענ מע פלעגט פירנ אפ ארבעט, פלעגט מענ דערהארגענענ פאר אלצ: פאר דעמ, וואָס מע האָט געזאָגט א וואָרט צו א באווער, אָדער פאר דעמ, וואָס עמעצער פונ די אָפגעשוואכטע מענטשנ פלעגט זיכ אָפשטעלנ אפ א מינוט. פונעמ וואָקזאל ביז קאָמאראָווקע האָט מענ געקאָנט זענ קערפערס פונ דערהארגעטע.

אײנמאָל האָט מענ געבראכט געפאנגענע פונעמ נאָווגאָראָד-סעווערסקנ לאגער. פונ 2000 מאנ זײַנענ דערפאָרנ בלויז 300, די איבעריקע זײַנענ געשטאָרבנ אונטערוועגס. פיל זײַנענ געשטאָרבנ נאָכנ אָנקומענ אינ מינסק. צוויי טעג נאָכאנאנד האָבנ מיר זײ צו קווורע געבראכט.

עס האָט זיכ אָנגעהויבנ אנ עפידעמיע פונ טיפוס. יעדנ טאָג פלעגנ שטארבנ באַ 200 געפאנגענע. די אלע, וואָס האָבנ זיכ נאָכ געקאָנט רירנ, פלעגנ ארויספירנ די טויטע קערפערס אינ פארק. פארגראָבנ האָבנ מיר זײ ניט געקאָנט — די ערד איז געווענ דורכגעפראָרנ. מיר האָבנ זײ צונויפגעלײגט אינ שטאבעלנ. צו פרילינג-צו האָבנ זיכ די טויטע קערפערס אָנגעהויבנ זיכ צעפאלנ. דעמלט האָט דער גענעראל-קאָמיסאר פונ ווײַסרוסלאנד באפוילנ באגיסנ די טויטע קערפערס מיט ברענשטאָף אונ פארברענענ זײ.

איכ בינ לעבנ געבליבנ אינגאנצנ צופעליק — איכ בינ ניט ענלעכ אפ קײנ יידנ. די יידנ אינ לאגער פלעגט מענ אויסטאָנ

מוטער=נאקעט, מע פלעגט זיי שלאָגנ, הארגענענ, דערנאָכ פלעגט מענ זיי ארײַנװארפנ אינ א קעלער, װו װאסער איז געװענ אי= בער די קני. אינ דרײַ טעג ארומ פלעגט מענ זיי פונ דאָרט ארויסשלעפנ אונ דערהארגענענ.

אינ מינסק זײַנענ געבליבנ א סאכ ייִדנ — אלטע לײַט אונ פרויענ מיט קינדער, װאָס האָבנ זיכ ניט באװיזנ צו עװאקוירנ. עס זײַנענ אויכ געװענ פליטימ פונ מײַרעװ=אוקראינע. מע האָט זיי באזעצט אינ „געטאָ". אהינ האָט מענ אויכ געבראכט 10 טויזנט ייִדנ פונ האמבורג. אינ געטאָ זײַנענ געװענ מענטשנ פונ פארשיידענע פראָפעסיעס: פראָפעסאָרנ, באלמעלאָכעס, דאָקטוי= רימ, ארבעטער, מוזיקאנטנ. בײַמ די מאָרדנ פלעגט פאָרקומענ א ספעציעלע צערעמאָניע. די פארורטײלטע פלעגנ גראָבנ פאר זיכ א קייווער. די מוזיקאנטנ האָבנ געדארפט שפילנ אריעס פונ „זשידאָווקא" אונ „קאָלנידרע". געגאנגענ זײַנענ זיי קאָלאָנעס= ווײַז. עס זײַנענ געגאנגענ אלטע פרויענ, מוטערס מיט קינדער. די דײַטשנ פלעגנ אָנהייבנ שיסנ פונ קוילנװארפערס אונ אווטאָ= מאטנ. אינ די גריבער פלעגנ פאלנ דערהארגעטע, פארוואונדעטע, האלב=לעבעדיקע. דערנאָכ פלעגט מענ די גריבער פארשיטנ מיט ערד. אזוינע שכיטעס פלעגנ דורכגעפירט װערנ איינ מאָל א װאָכ, אומבאדינגט אומ שאבעס.

די קינדער, װאָס זײַנענ געבליבנ אָנ עלטערנ, האָט מענ צו= נויפגעקליבנ אינאיינעמ. אזוינע קינדער איז געװענ העכער 200. מע פלעגט זיי נעמענ פאר די פיס אונ שפאלטנ דעמ קאָפ אָנ א שטיינ אָדער אָנ א סלופ.

די גאנצע שטאָט איז געװענ אינ שרעק, אינ טיפנ ביישעב פונ די דאָזיקע אומדערהערטע רעציכעס.

דעמ גאנצנ זומער 1942 יאָר פלעגנ די דײַטשנ ברענגענ קיינ מינסק ייִדנ פונ מײַרעװ=אייראָפע. מע פלעגט זיי ברענגענ קלוימערשט אפ ארבעט. זיי פלעגנ קומענ צו פאָרנ מיט טשע= מאָדאנעס סאקוואָיאזשנ. אפנ מאָליעװער שאָסיי, 8 קילאָמעטער פונ מינסק, האָט זיכ געפונענ דאָס געװעזענע מיליטערישע שטעטל. אהינ פלעגט מענ ברענגענ צו פירנ די ייִדנ פונ מײַרעװ= אייראָפע. זיי פלעגנ גראָבנ גריבער, אונ די דײַטשנ פלעגנ זיי אָפסאמענ מיט גאז, קעדיי ניט אויסצוברענגענ קיינ פאטראָ= נעס. מע פלעגט זיי ברענגענ צו פירנ צו די גריבער אינ הער= מעטיש=פארמאכטע מאשינעס אונ ארויסווארפנ פונ דאָרט די טויטע קערפערס פונ די דערשטיקטע. אונדז פלעגט מענ שיקנ

אהינ נאָכ ברעטער אונ איכ האָב גערעדט מיט איינעם. ער האָט געזאָגט, אז אים האָט מענ געבראכט צו פירנ פונ טשעכאָסלאָוואקיע.

אינ אווגוסט 1942 יאָר האָט זיכ מיר איינגעגעבנ צו אנטלויפנ.

יעפים לייגאָוו".

14 מארט 1943 יאָר.

ראָסטאָוו

דעם 4 אווגוסט 1942 איז אפ די ווענט פונ ראָסטאָוו געהאנגענ א מעלדונג וועגנ דער רעגיסטראציע פונ די ייִדנ. די מעלדונג איז געווענ אונטערגעשריבנ פונ דעם אָנפירער פונ דער ייִדישער קעהילע לוריע. אינ דער מעלדונג איז געשטאנענ, אז די ייִדנ קאָנענ רויִק וווינענ אינ שטאָט, ווייל „די דייטשישע קאָמאנדשאפט שטייט אפ דער וואכ פונ זייער געפארלאָזיקייט". אינ פינפ טעג ארום האָט זיכ באוויזנ א נייע מעלדונג מיט דער אונטערשריפט פונ דעם זעלבנ לוריע: „קעדיי צו זיכערנ דאָס לעבנ פונ די ייִדנ קעגנ די אומפאראנטוואָרטלעכע ארויסטרעטונגענ פונ די פארביטערטע עלעמענטנ, מוז די דייטשישע קאָמאנדשאפט ארויסשיקנ די ייִדנ הינטער דער שטאָט, אונ דערמיט גופע פארלייכטערנ דאָס באשיצנ זיי". די ייִדנ איז פאָרגעלייגט געוואָרנ פארזאמלענ זיכ אינ באשטימטע פונקטנ דעם 11 אווגוסט 1942 יאָר, מיטנעמענ מיט זיכ די ווערטפולע כפייצים, קליידער אונ די שליסלענ פונ זייערע דירעס, אינ וועלכע די זאכנ דארפנ בלייבנ ניט גערירט.

אינ ראָסטאָוו זיינענ געבליבנ א סאכ ייִדנ, וועלכע האָבנ ניט געקאָנט אוועקפאָרנ: אלטע לייט, קראנקע, זייערע נאָענטע, פרויענ מיט קינדער. איינקע האָבנ גלייכ פארשטאנענ, וואָס עס באדייט דער באפעל פונ די דייטשנ. דער וויסנשאפטלעכער מיטארבעטער פונ דעם לאנדווירטשאפטלעכנ אינסטיטוט פיאָדאָר טשעסקיס האָט זיכ אופגעשניטנ די אָדערנ, ער איז אָפּגעגאנגענ מיט בלוט, אָבער געשטאָרבנ איז ער ניט. אפ א האנטוועגעלע האָט אים דאָס ווייב ארומגעפירט איבער די שפיטאָלנ, אָבער אומזיסט. א דייטשישער פאטרול האָט זיי אָפּגעשטעלט. טשעסקיסנ האָט מענ דערהארגעט, אונ זיינ פרוי, לויט דער נאציאָנאליטעט א רוסישע, האָט מענ אוועקגעזעצט אינ טורמע. איינע א פרוי האָט ארייגעוואָרפנ אינ דאָנ די דריי קינדער אירע, אונ דערנאָכ איז זי אליינ ארייגעשפרונגענ אינ טייכ. מע האָט ארויס-

געשלעפט זי און איינ זונ, צוויי קינדער זיינענ דערטרונקענע געוואָרנ.

אינ אלט פאָרפאָלק האָט זיכ פארבאריקאדירט בא זיכ אינ דער היים. די דייטשנ האָבנ אויפגעבראָכנ די טיר, צעוואָרפנ די אָנגעוואלגערטע מעבל און צוגענומענ די אלטע לייט. אפנ ראָג פונ די פּראָספּעקטנ בודיאָנאָווסקי און סערדני האָט געוווינט א פרוי — א ציינדאָקטער מיט א טאָכטער און מיט אנ אייניקל, וואָס איז אלט געווענ 11 כאָדאָשים. ווענ זי האָט זיכ דערוווסט וועגנ דעם דייטשישנ באפעל, האָט זי באשלאָסנ זיכ דערטרינקענ צוזאמענ מיט דער טאָכטער און מיטנ אייניקל. די טאָכטער מיטנ אייניקל זיינענ דערטרונקענ געוואָרנ, און די באָבע האָבנ מענטשנ געראטעוועט. א האלב-מעשוגענע, איז זי געקומענ צו לויפנ אינ שפּיטאָל, ווו זי האָט פריער געארבעט, צו דער דאָקטערנ אָרלאָווא און האָט זיכ גענומענ בעטנ בא איר, זי זאָל איר מאכנ אנ איינשפּריצונג פונ מאָרפי, ווייל מע יאָגט זיכ נאָכ איר. ווירקלעכ, באלד זיינענ געקומענ דייטשנ. די געסטאפּאָווצעס האָבנ זי פונעמ דאָקטערס קאבינעט אוועקגעפירט צומ טויט.

יעקאטערינא לעאָנטיעוונא איטינא איז אלט געווענ 82 יאָר. זי האָט געוווינט בא צוויי געוועזענע מאָנאשקעס, וועלכע האָבנ זי ליב געהאט און האָבנ געזאָרגט וועגנ איר. זי האָט געזאָגט: „איכ וועל אינערגעצ ניט גיינ. זאָלנ זיי קומענ און מיכ דערהארגענענ". די דייטשנ האָבנ געמאָלדנ, אז אויב זי וועט ניט גיינ, וועלנ זיי צונעמענ אויכ די מאָנאשקעס, דעמלט איז די אלטע אוועק צומ פונקט.

עס זיינענ אוועק צומ טויט צוויי עלטסטע דאָקטוירימ פונ ראָסטאָוו: דער דאָקטער אינגאָל און דער דאָקטער טיקטינ. דאָקטער גארקאווי — א פרוי — האָט זיכ גערעכנט פארנ בעסטנ ספּעציאליסט אפ טובערקוליאָז. איר מאנ, לויט דער נאציאָנאליטעט א רוס, האָט זיכ ניט געוואָלט שיידנ מיט דעמ וויב, און זיי זיינענ צוזאמענ אוועק צומ טויט.

אפנ פּראָספּעקט מאלי האָט געוווינט א פּאראליזירטער אלטער — אָקונ מיטנ וויב און מיט אנ אייניקל. דאָס מיידל האָט ניט געוואָלט אוועקפאָרנ און איבערלאָזנ די אלטע. דורכגעלייענט דעמ באפעל, האָט די אלטע אָקונ אָנגעהויבנ צו צעשענקענ אירע זאכנ די שכיינימ. זי האָט געזאָגט: „זאָלנ די דייטשנ נעמענ נאָר מיינ לעבנ, דאָס לעבנ פונ מיינ אייניקל און פונ מיינ מאנ. דערפונ וועלנ זיי האָבנ ווייניק נוצנ". דעמ 11 אויגוסט איז זי

מיטנ אייניקל אַוועק אפנ זאַמל-פּונקט. דער פּאַראַליזירטער אַלטער איז געבליבנ אַלײנ. ער האָט געפרעגט באַ די שכײנימ, װענ װעט זיכ אומקערנ דאָס װײַב. אפ מאָרגנ איז נאָכ אימ געקומענ א מאַשינ.

די אײַנװױנער פונ ראָסטאָװ, װאָס פלעגנ אָפט פאַרבײַגײנ איבערנ פּראָספּעקט מאַלי, האָבנ געקענט די אַלטיטשקע מאַריִע אַבראַמאָװנע גרינבערג. זי פלעגט שטענדיק זיצנ באַמ פענצטער, פלעגט זיכ גריסנ מיט די באַקאַנטע, מעכאַבער זײַנ די קינדער מיט נאַשערײַ. אַלע האָבנ זי ליב געהאַט. מאַריִע אַבראַמאָװנעס קינדער האָבנ באַװיזנ אַװעקפאָרנ, כוץ אײנ טאָכטער, דער דאָקטער גרינבערג, װעלכע האָט ניט געװאָלט איבערלאָזנ די אַלטע מאַמע. די טאָכטער איז אַװעק אפנ פונקט. די אַלטע האָט ניט געקענט און איז געבליבנ אינ דער הײמ. זי האָט ניט פאַרשטאַנענ, פאַרװאָס איז די טאָכטער אַװעק אפ א גאַנצנ טאָג. די אַלטע האָט געבעטנ באַ די שכײנימ: „דערלױבט מיר זיצנ באַ אײַכ, ביז נאָכ מיר װעט קומענ א מאַשינ“. דערבײַ האָט זי ניט פאַרשטאַנענ, צו װאָס עס װעט קומענ די מאַשינ.

אָט װאָס עס דערציילט די דאָקטערנ לױדמילאַ גאַזאַרעװסקאַיאַ:

„דעמ 11 סענטיאַבער אינדערפרי בינ איכ געגאַנגענ איבער דער פּושקינ-גאַס, פאַרבײַ דעמ זאַמל-פּונקט. לעבנ הױז זײַנענ געשטאַנענ מאַשינעס. דער הױפ איז געװענ געפּאַקט מיט מענטשנ. מיכ האָט דערזענ די אַלטיטשקע ראָזאַליאַ אָ.ז., א מוזיק-לערערנ. מיט א האַלבנ יאָרהונדערט צוריק האָט זי געגעבנ לעקציעס מײַנ עלטערער שװעסטער. זי האָט זיכ דערפרײט און האָט געזאָגט: „ליודאַ, איר זײַט אַװאַדע געקומענ אונדז באַגלייטנ. איכ בעט אײַכ, גײט אַרײַנ צו מיר אַהײמ, איכ האָב געװוינט מיט גאָנטשאַראָװענ; זאָגט איר, אַז מע פירט אונדז אינ „װאָיענװעד“. זאָל זי ברענגענ מיר און דער שװעסטער עפּעס צו עסנ“. איכ האָב איר צוגעזאָגט אַלצ צו טאָנ, און מיר האָבנ זיכ צעזעגנט.

מיט א פּאָר הײַזער װײַטער האָב איכ דערזענ א מיטער מיט א טאָכטער. די מוטער איז געװענ א בלינדע און די טאָכטער א טױבע. זײ האָבנ מיכ אָפּגעשטעלט, געפרעגט, װו געפינט זיכ דער פּונקט. א װױקסיק מײדל, װאָס איז געגאַנגענ הינטער מיר, האָט א פּאַטש געטאָנ מיט די הענט און אױסגעשריִענ: „גאָט מײַנער, אָרעמינקע, װוהינ דאַרפט איר עס גײנ!..“ זי האָט

זיכ צעוויינט אונ האָט אוועקגעפירט די אומגליקלעכע צומ
פונקט.

איכ בינ אוועק צומ „וואָיענוועד". איבערנ בודיאָני־פּראָספּעקט אונ ווײַטער אריבערנ דאָנ אונ באַטײַסק־צו זײַנענ אָנ אופהער געגאַנגענ מאַשינעס. צוויי אַרבעטער זײַנענ פאַרבײַגעגאַנגענ פאַרבײַ מיר, איינער האָט אַ ווּנק געטאָנ אויפ די דײַטשנ אונ האָט פאַרביסנ געזאָגט: „שווער זיכ מיט זיי אַנ אייצע צו געבנ". איכ בינ אַרומגעגאַנגענ אַרומ „וואָיענוועד". דאָס איז 15 קילאָמעטער פונ שטאָט, איכ האָב דאָרט אָבער קיינעמ ניט באַמערקט. אויפ צוריקוועגס בינ איכ געגאַנגענ דורכנ אַרבעטער־שטעטל, איכ האָב זיכ צוגעזעצט אַנטקעגנ מאַרק. פּלוצעמ האָב איכ דערזענ אַ פּאַרטיע פרויענ, באַשיידנ אָנגעטאָנ, אונ עטלעכע אַלטע מענער, צווישנ זיי — דעמ דאָקטער מיקטינ. איכ בינ אוועק נאָכ זיי.

פונ פאָרנט אונ פונ הינטנ זײַנענ געגאַנגענ דײַטשישע סאָלדאַטנ. פונ פאָרנט איז געגאַנגענ עפּעס נאָכ איינער אינ אַ ווײַס העמד. ער האָט, ווײַזט אויס, שטאַרק האַנאָע געהאַט פונ זײַנ ראָליע, פונ צײַט צו צײַט פלעגט ער זיכ אויסדרייענ צומ עולמ אונ פלעגט מאַכנ מיט די הענט, פונקט ווי ער וואָלט דיריזשירט.

הינטער דער שטאָט איז דער וועג געגאַנגענ באַרג־אַראָפּ, אונטערנ אײַזנבאַנ־אָנשיט. דאָ האָט מיכ אָפּגעשטעלט דער באַנדיט אינ דעמ ווײַסנ העמד. ער האָט צוגערופנ די דײַטשנ. מע האָט מיר געזאָגט, אַז ווײַטער גיינ טאָר מענ ניט.

אומקערנדיק זיכ אינ שטאָט, האָב איכ באַגעגנט עטלעכע מאַשינעס, אינ וועלכע מע האָט געפירט ייִדנ. אינ איינער האָט אַ יונגער באָכער אַראָפּגעכאַפּט פונ קאָפּ דאָס היטל אונ האָט אַ מאַכ געטאָנ צומ באַנדיט אינ דעמ ווײַסנ העמד. קאָנ זײַנ, ער האָט זיכ געוואָלט אָפּזעגענענ מיט אַ לעבעדיקנ מענטש? דער באַנדיט האָט זיכ צעלאַכט. מיר האָט זיכ פאַרגעדענקט אַ פּאָנעמ פונ אַ פרוי אינ אַ צווייטער מאַשינ. זי האָט געהאַלטנ אויפ די הענט אַ קליינ קינד. איר פּאָנעמ איז געווענ מאָדנע אָנגעשטרענגט. די מאַשינ האָט זיכ געטראָגנ, אונ די פרוי מיטנ קינד פלעגט אונטערשפּרינגענ, ווענ די מאַשינ פלעגט אַרײַנ אינ אַ גרוב. נאָכ האָב איכ דערזענ אינ דער מאַשינ אונדזער אַלמינקע אַקושערקע ראָזאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ פישקינד אינ איר פאַרשמאָלצנ קליידעלע מיטנ ווײַסנ מיכעלע. דאָס פּאָנעמ איז בײַ איר געווענ אַ טרויעריקס, אַ פאַרטראַכטס. זי האָט מיכ ניט געזענ..."

וואָס איז פאָרגעקומענ דאָרט, ווּהינ די דײַטשנ האָבנ ניט דורכגעלאָזט די דאָקטערנ נאַזאַרעווסקאַיאַ? דאָס איז אַ ווײניק באַפעלקערטער ראַיאָנ. פינפ שטיבעלעכ פונ אײַזנבאַנ-אַרבעטער באַם באַנ-איבערפאָר, עטלעכע הײַזער מיזרעכ-צו פונעם זאָאָלאָגישנ גאָרטנ אונ דער אָלימפּיאַדער כוטער. פונ אָט די אַלע הײַזער זײַנענ די אײַנוווינער אַרויסגעזעצט געוואָרנ אַפ צוויי טעג. זײ האָט מענ באַפוילנ אונטער געפאַר פונ טויט-שטראָפ פאַרשפּאַרנ די הײַזער אונ אַוועקגײנ. אײניקע אָבער האָבנ, קעדײ צו ראַטעווענ זײער פאַרמעגנ, זיכ באַהאַלטנ אינ די הײַזער, אינ די גערטנער, אינ די טראַנשײעס. זײ האָבנ געזענ אַלצ.

דעמ 10-טנ אויגוסט ערעוו דעמ טאָג, ווענ די דײַטשנ האָבנ געטויט די ייִדנ, האָבנ זײ אַפ דעמ זעלבנ אָרט — אינ דער זמיִעווסקער באַלקע — דערהאַרגעט 300 רויטאַרמײער. די רויטאַרמײער האָט מענ צוגעפירט אַפ מאַשינעס צו דעמ באַנ-איבערפאָר. דאָרט האָט מענ זײ אַרײַנגעזעצט אינ ספּעציעלע גאַז-מאַשינעס. פונ די מאַשינעס פלעגט מענ שוינ אַרויסשלעפּנ טויטע. די, וואָס האָבנ נאָכ געלעבט, האָט מענ דערשאָסנ.

די ייִדנ האָט מענ געהײסנ זיכ אויסטאָנ. די זאַכנ האָט מענ אָפּגעלײגט אָנ אַ זײַט. בײַ דער זמיִעווסקער באַלקע פלעגט מענ צעשיסנ אונ גלײַכ פאַרשיטנ מיט לײמ. קלײנע קינדער פלעגט מענ לעבעדיקערהײט וואַרפנ אינ גרוב אַרײַנ. אַ טײל ייִדנ האָט מענ דערהאַרגעט אינ דער גאַז-מאַשינ. אײנ פּאַרטיע האָט מענ געפירט נאַקעטערהײט פונ זאָאָלאָגישנ פּאַרק ביז דער באַלקע. צווישנ זײ האָט מענ געזענ אַ שײנע פרוי, וועלכע האָט געפירט צוויי פּיצינקע מײדעלעכ מיט שלײפלעכ אַפ די קעפּ. עטלעכע מײדלעכ זײַנענ געגאַנגענ, האַלטנדיק זיכ בײַ די הענט אונ זינגענדיק. אײנער אַנ אַלטער איז צוגעגאַנגענ צו אַ דײַטש אונ האָט אימ אַ זעצ געטאָנ איבערנ פּנימ. דער דײַטש האָט אַ געשרײ געטאָנ, דערנאָכ האָט ער אומגעוואָרפנ דעמ אַלטנ אונ צעטאָפּטשעט אימ.

די אָרטיקע אײַנוווינער האָבנ געזענ, ווי אינ דער נאַכט פונ 11 אַפנ 12 אויגוסט איז פונ דער גרוב אַרויס אַ נאַקעטע פרוי, געמאַכט עטלעכע שפּאַנ אונ איז געפאַלנ טויט.

אַפ מאָרגנ האָט די צײַטונג „גאָלאָס ראָסטאָוואַ“, וואָס די דײַטשנ האָבנ אַרויסגעגעבנ, געשריבנ: „די לופט האָט זיכ אָפּגערײניקט“...

קראַמאַטאָרסק

„ליבע, טײַערע מומעס מײַנע!

נעכטנ האָבנ מיר באַקומענ אײַער בריוו מיט די פֿאָטאָגראַפֿיעס און זײַנענ געווענ אַזוי גליקלעכ, מיט קיינ ווערטער ניט איבערצוגעבנ. אײַערע פֿאָטאָגראַפֿיעס זײַנענ געבליבנ אינ דער היימ — זיי זײַנענ פֿאַרגראָבנ צוזאַמענ מיט מײַנ אַטעסטאַט און מיט דער מאַמעס דיפלאָמ. עפשער וועלנ מיר זיי געפֿינענ, ווענ מיר וועלנ זיכ אומקערנ קיינ קראַמאַטאָרסק.

מיר דאַכט זיכ, אַז איכ בינ געוואָרנ זייער אַ בייזע. אַ סאַכ איז אויסגעקומענ איבערצולעבנ פֿאַר די זעכצנ כאַדאָשימ, און דאָס האַרצ שווײַגט. שוינ זשע איז עס אַזוי פֿאַרגרעבט געוואָרנ? נאָר ווענ איכ האָב צומ ערשטנ מאָל דערזענ די דײַטשנ, האָט עס גענומענ קלאַפנ שטאַרק, שטאַרק, און נאָכ איינ מאָל, ווענ מע האָט געזאָגט: „ליגט זיכ צונויפֿ, מע שיקט אײַכ אַרײַנ קיינ פאַלעסטינע". און נאָכדעמ האָט שוינ מער קיינ זאַכ ניט געקאָנט אָפ מיר ווירקנ, ניט די ביקס פֿונ דעמ רומענער, וואָס האָט אינ מיר געצילט, ניט די פֿאַרהערנ אינ דער פאָליציי, ניט די אומגעריכטע וויזיטנ פֿונ די סאָלדאַטנ פֿונ דער דיוויזיע „טויטנ־קאָפ". עפשער האָט דאָס האַרצ באַשלאָסנ, אַז דאָס זײַנענ אַלצ קלייניקייטנ? נאָר גענוג צו פֿילאָסאָפֿירנ. איכ וועל אײַכ בעסער דערציילנ, וואָס מיר האָבנ איבערגעלעבט, אָנגעהויבנ פֿונ אָקטיאַבער 1941 יאָר. רעגנ, בלאָטעס, אַ שוידערלעכע שטימונג. שאַפֿיראָ פֿאָרט אַוועק מיטנ שפיטאָל. די מאַמע בלײַבט אַלס פֿאַרוואַלטערנ פֿונעמ דיספאַנסער. דעמ 8־טנ אָקטיאַבער הייבט זיכ אָנ די עוואַקואַציע פֿונ דער שטאָט. מיגנ האָט אַ ביס געטאָנ אַ הונט, אָפגעריסנ איר אַ פֿינגער. אַליינ קאָנ זי ניט אַוועקפֿאָרנ, און די מאַמע האָט מענ ניט אָפגעלאָזט. 13־טער אָקטיאַבער. שוינ אַוועק דער לעצטער עשעלאָנ, די וועגנ האָט מענ אויפֿגעריסנ. זיבנ טעג שרעקלעכע דערוואַרטונג. פֿונ די ייִדנ זײַנענ געבליבנ: מיר, גרישע מיט דער מישפאָכע, ליזער מיט דער מישפאָכע און נאָכ 69 מישפאָכעס — אַלטע לײַט, קראַנקע, קינדער.

דעמ 20־טנ אָקטיאַבער באַווײַזנ זיכ דײַטשישע אויסשפּיראָטריאַדנ. דעמ 21־טנ אָקטיאַבער גייענ אַרײַנ אינ שטאָט די ערשטע דײַטשישע טיילנ. דער קאָמענדאַנט באַשטימט אַ „בורגאָמיסטער", עס ווערט געמאָלדנ וועגנ דער רעגיסטראַציע פֿונ פֿער־ און ייִדנ. געלע בענדלעכ מיט אַ מאָגנדאָוויד.

אינ די ערשטע דאַטעס פונ נאָיאַבער בינ איכ געשטאַנענ באַם פענצטער אונ פּלוצעמ זע איכ — בוסיע. איכ בינ אַרויסגעלאָפנ. ער איז געווענ מיט א כאַווער פונ דעמ זעלבנ טייל. זיי זײַנענ אַרײַנגעפאַלנ אינ געפאַנגענשאַפט אינ פּאָפּאָווקע, לעבנ מאַריופּאָל. באַנאַכט, ווענ מע האָט זיי געטריבנ אינ לאַגער אַרײַנ, זײַנענ זיי אַנטלאָפנ. זיי האָט זיכ אײַנגעגעבנ איבערצוטאָגנ זיכ. מיר האָבנ זיי געגעבנ זיכ אײַנוואַשנ, צעוואַשנ דאָס גרעט. פּונקט יענע נאַכט זײַנענ צו אונדז געקומענ דײַטשנ אונ האָבנ „געקויפט" פאַר 10 רובל דרײַ וואַרעמע קאָלדרעס אונ דעמ פּאַטעפאָנ. מיר האָבנ זיכ געבעטנ בא בוסיענ, ער זאָל בלײַבנ נאָכ א ביסל, נאָר ער האָט ניט געוואָלט: זיי זײַנענ געגאַנגענ קײנ וואָראָשילאָווגראַד. ער איז געווענ אינ אנ אויסגעצייכנטער שטימונג אונ האָט געזאָגט, אַז ער וועט זיכער צוקומענ צו אונדזערע. וואָס מיט אימ איז געשענ דערנאָכ, ווייס איכ ניט.

וואָס א טאָג איז געוואָרנ אַלצ ערגער. פונ אָנהייב האָבנ די דײַטשנ צוגענומענ די בעטנ, דעמ דיוואַנ, דעמ טיש, דערנאָכ האָבנ זיי אָנגעהויבנ קומענ נאָכ קלייניקייטנ — נאָכ אנ עמער, נאָכ א צייג-בערשטל, זיי האָבנ צוגענומענ מײַנע קליידער, דער מאַמעס אַלטע זאָקנ. ווענ זיי פלעגנ קומענ פונ פאַראַד-אַרײַנגאַנג, פלעג איכ אַנטלויפנ דורכ דער הינטער-טיר, אונ פאַרקערט. איכ האַלט, אַז אויב די דײַטשנ האָבנ מיכ ווייניק געשלאָגנ, איז עס דער פאַרדינסט פונ דעמ אַרכיטעקטאָר, וואָס האָט געבויט אונדזער שטיבל. אינ שטוב איז קײנ זאַכ ניט געבליבנ, כוץ דעמ בופעט אונ דעמ זייגער. אַפ דער וואַנט איז געהאַנגענ דער באָבעס פּאָרטרעט. די מאַמע האָט אימ געוואָלט אַראָפּנעמענ, נאָר איכ האָב ניט געלאָזנ: זאָל זי קוקנ, ווי מע שלעפּט אַרויס פונ דער היימ אַלצ, וואָס זי האָט אײַנגעשאַפנ.

ווענ מע האָט צוגענומענ דעמ שפּיגל, בינ איכ געווענ אויסער זיכ, פּונקט ווי דער גאַנצער זינ פונ לעבנ וואָלט געשטעקט אינ דעמ דאָזיקנ שפּיגל. אַפילע איצטער, ווענ איכ שרײַב וועגנ דעמ, ווילט זיכ מיר וויינענ. פאַרוואָס זשע וויינ איכ ניט, ווענ איכ דערמאָנ זיכ אָנ מיגענ? ניט שוינ זשע איז דער שפּיגל מיר טײַערער? ניינ, ווײַזט אויס, פאַרשיידענע איבערלעבונגענ רופנ אַרויס א פאַרשיידענע רעאַקציע. ווענ איכ זאָל האָבנ צײַט, וואָלט איכ עפּשער אָנגעשריבנ א גוט ביכל וועגנ דעמ, וואָס איכ האָב איבערגעלעבט. איצט טראַכט איכ וועגנ לעבנ. ווי וווּנ-

דערבאַר האָט עס געזאָגט ס. מ. קיראָוו: „דאָס לעבנ איז אַנ אויסגעצייכנטע זאַכ". דאָס איז עמעס, אונ עמעס איז אויכ, אַז דאָס לעבנ איז ניט ווערט קיינ קאָפּיקע, אונ ס'איז גאָר ניט שרעקלעכ צו וויסנ, אַז אינ עטלעכע מינוט אַרומ וועסטו מער ניט עקזיסטירנ. איכ ווייס עס, ווײַל איכ האָב עס איבערגעלעבט עטלעכע מאָל.

אונ אָט איז אָנגעקומענ דער 20-טער יאַנוואַר. אַ פֿראָסט — 50 גראַד. „מע שיקט אַרויס קיינ פּאַלעסטינע". איבער פֿרעמדע הויפֿנ לויפֿ איכ מיט דער מאַמענ צומ עק שטאָט. אונ אי-בער דער גאַס גייענ פֿרויענ מיט זאַכנ, עס טרײַבנ זיי אונטער פּאָליציי-לײַט, דערנאָכ זעצט מענ זיי אַרײַנ אינ מאַשינעס אונ מע פֿירט זיי אַרויס הינטער דער שטאָט צומ קעגנמאַנק-רוי. צווישנ זיי איז געווענ אַ מינע, אַ גרישע מיט דער מישפּאָכע, אַ שנײַדערס מישפּאָכע; צווישנ זיי זײַנענ געווענ די פֿרויענ פֿונ די ברידער בראַלאָווסקיס מיט די קינדער, רייזענ מיט פּאָליגע.

גענוג וועט זײַנ! איכ וויל וויסנ, צי פֿאַראַכט איר אונדז ניט דערפֿאַר, וואָס מיר האָבנ איבערגעלאָזנ מינענ? פֿאַרענטפֿערנ וועל איכ זיכ ניט. איכ ווייס קיינ זאַכ ניט אונ קאָנ קיינ זאַכ ניט פֿאַרשטיינ. נאָכ דעמ, ווי די פּאָליציי-לײַט זײַנענ אַוועק, האָב איכ געזאָגט צו דער מאַמענ: „דו — ווי דו ווילסט זיכ, איכ לויפֿ". איכ האָב גענומענ זיכ אָנטאָנ דעמ מאַנטל. ווי האָב איכ געקאָנט זאָגנ אַזוינס דער מאַמענ? ניט קיינ אַנדערנ, נאָר דער אַלטער, אומגליקלעכער מאַמענ? ווײַזט אויס, אַז אינ אַזוינע מינוטנ טראַכט מענ ניט. זי איז אַוועק מיט מיר, נאָר דערנאָכ האָט זי זיכ עטלעכע מאָל געוואָלט אומקערנ אונ גיינ מיט אַנדערע צו דער שכינטע. זי האָט געהערט וועגנ איר כוויו. איכ געדענק עס, פּונקט ווי איצט — איכ האָב זיכ אַרומגעקוקט — שניי, שניי אונ שניי, טיר אונ פֿענצטער פֿאַרהאַקט, קיינער וועט ניט אַרײַנלאָזנ זיכ אָנוואַרעמענ. אונ גיינ צוריק — טויט, געווײַנלעכער, פּאָשע-טער טויט. ניינ, מיר וועלנ גיינ פֿאָרויס, בעסער פֿאַרפֿרוירנ ווערנ אָדער שטאַרבנ פֿונ הונגער, בעסער זאָל מענ אונדז כאַפּנ אונ אויפֿהענגענ, נאָר ניט גיינ אַליינ צומ טויט. אונ מיר זײַנענ אַוועק. מישפּעט אונדז פֿאַר אַלצ. אונ אויב איר וועט האַלטנ, אַז מיר זײַנענ שולדיק, זאָל זײַנ, ווי איר פֿאַרשטייט. האַלט מיכ ניט מער פֿאַר דער „בעסטער פּלימעניצע". דאָס וועט זײַנ שרעקלעכ, נאָר איכ וועל וויסנ, אַז דאָס איז אַ ריכטיקע אָפּשאַצונג פֿונ מיר אונ פֿונ מײַנ אויפֿירונג. אונ איכ וועל עס איבערטראָגנ, ווי איכ

האָב שוינ פיל איבערגעטראָגנ, ווי איכ וועל געווים איבערטראָגנ נאָכ פיל אומדערווארטע אונ שרעקלעכע זאכנ. איכ בינ דאָכ אלט 20 יאָר. איכ האָב אָפּגעלעבט א העלפט לעבנ.

ווּסיע“.

מאָראָזאָווסק

אינ דער שטאָט מאָראָזאָווסק האָט געווּינט דער דאָקטער איליא קרעמענטשוזשסקי מיטנ ווײַב אונ מיט צוויי טעכטער. איינ טאָכטערס מאנ איז געווענ אַפנ פראָנט, זי איז געבליבנ מיט א זויג=קינד. קרעמענטשוזשסקיס ווײַב, א רוסישע לויט דער נאציאָנאליטעט, איז אלפּי=נעס לעבנ געבליבנ. זי דערציילט:

„די דײַטשנ האָבנ דערהארגעט 248 ייִדנ. אינ יענער נאכט האָבנ זיי אָבער דערהארגעט 73. זיי זײַנענ צו אונדז געקומענ צו פארנ באנאכט אונ האָבנ א געשריי געטאָנ: „דאָקטער קרעמענטשוזשסקי וווינט דאָ? גייט ארויס צוזאמענ מיט דער מישפּאָכע“. דער מאנ מײַנער האָט גלײַכ אלצ פארשטאנענ. אינ דער לאסט=מאשינ האָט ער געגעבנ פּראָשקעס מיט סאמ מיר אונ די טעכטער. ער האָט געזאָגט: „ווענ איכ וועל געבנ א סימענ, וועט איר עס דערשלינגענ“. איינ פּראָשעק האָט ער איבערגעלאָזנ זיכ.

מע האָט אונדז געבראכט צו פירנ אינ א קאמער. דאָרט איז געווענ ענג. מיר זײַנענ אלע געשטאנענ. הינטערנ פענצטער האָבנ די עסעסאָווצעס געשריִענ: „באלד וועלנ מיר אײַכ דערהארגענענ. ווארט נאָר אויס...“ די קינדער האָבנ געוויינט. בא אייניקע פרויענ זײַנענ געוואָרנ היסטעריקעס. מײַנ יינגערע טאָכטער האָט געוואָלט אײַנעמענ סאמ, דער מאנ האָט אָבער ארויסגעריסנ דעם פּראָשעק בא איר פונ די הענט אונ האָט געזאָגט: „ניינ, מע טאָר ניט. שטעל זיכ פאָר, וואָס וועט זײַנ מיט די איבעריקע, אויב מיר וועלנ זיכ איצט אָפּסאמענ? מיר דארפנ זיי אונטערהאלטנ. וואָס ס'וועט זײַנ מיט אלעמענ, וועט זײַנ אויכ מיט אונדז“. מײַנ מאנ האָט ניט גערעדט קיינ ייִדיש, זײַנ גאנצנ לעבנ האָט ער אָפּגעווינט אַפנ דאָנ, נאָר דאָ האָט ער זיכ דערמאָנט צוויי ווערטער: „ברידער ייִדנ“. אלע האָבנ זיכ אָנגעהויבנ צוהערנ. מײַנ מאנ האָט געזאָגט: „מיר דארפנ שטארבנ מיט ווירדע — אָנ טרערנ, אָנ געשרייענ. די דאָזיקע פרייד טאָרנ מיר אונדזערע הענקער ניט פארשאפנ. איכ בעט אײַכ, ברידער

אונ שוועסטער, שווײַגט“. עס איז געוואָרנ שרעקלעכ שטיל. אַפּילע די קינדער זײַנענ אײַנגעשוויגנ געוואָרנ.

מיט אונדז איז געזעסנ א באַקאַנטער אינזשעניער. פּלוצעמ האָט ער אָנגעהויבנ קלאַפּנ אינ טיר אונ שרײַענ: „א טאָטע! אַהער זײַנענ אַרײַנגעפאַלנ רוסישע פרויענ“... איינ דײַטש האָט געפרעגט: „וווּ?“ מע האָט אימ געוויזנ אַפ מיר אונ אַפ די טעכטער. דער דײַטש האָט אונדז אַרויסגעפירט אינ קאָרידאָר אונ האָט געזאָגט: „מאָרגנ וועלנ מיר זענ“. דערנאָכ האָבנ זיי אָנגעהויבנ האַרגענענ. זיי האָבנ געהאַרגעט אינ הויפ. קיינער האָט קיינ געשריי ניט געטאָנ. איכ האָב א טראַכט געטאָנ: צו וואָס דאַרפ איכ לעבנ? אָבער דאָס אייניקל... איכ האָב געוואָלט ראַטעווענ דאָס אייניקל, אונ מיר זײַנענ אַנטלאָפנ. אונדז האָט אויסבאַהאַלטנ איינער א לערער...“

אינ א דאָרפ לעבנ מאָראָזאָווסק האָבנ זיכ געפונענ קינדער אַפ פעלד=אַרבעטנ. די קלאַנגענ וועגנ דער שכיטע איבער די יידנ זײַנענ דערגאַנגענ צומ דאָרפ. זעקס יידישע קינדער, אינ עלטער פונ נײַנ ביז צוועלפ יאָר, האָבנ זיכ אַוועקגעלאָזט אינ מאָראָזאָווסק. ווענ די קינדער האָבנ זיכ דערוווּסט, אַז די דײַטשנ האָבנ צוגענומענ זייערע עלטערנ, זײַנענ זיי אַוועק אינ קאָמענדאַטור. פונ דאָרטנ האָט מענ זיי אַוועקגעפירט אינ געסטאַפּאָ.

אינ דער קאַמער זײַנענ געזעסנ צוויי רוסישע פרויענ: די פאַרוואַלטערנ פונ די קינדער=יאַסליעס יעלענאַ בעליענאָוואַ, 47 יאָר אַלט, אונ מאַטריאָנאַ איזמײַלאָוואַ. איזמײַלאָוואַ דערציילט:

„די קינדער האָבנ געוויינט. דעמלט האָט בעליענאָוואַ אָנגעהויבנ באַרויִקנ זיי. זי האָט געזאָגט, אַז דער טאַטע אונ די מאַמע לעבנ, אַז ס׳איז ניטאָ וואָס זיכ צו שרעקנ. זי האָט זיי געצערטלט, אײַנגעוויגט. זיי זײַנענ אַנשלאָפנ געוואָרנ. אונ דרײַ אַזייגער באַנאַכט זײַנענ נאָכ זיי געקומענ די געסטאַפּאָווצעס. די קינדער האָבנ אָנגעהויבנ שרײַענ: „מומע, וווּהינ פירט מענ אונדז?“ בעליענאָוואַ האָט רויִק דערקלערט: „אינ דאָרפ. מיר וועלנ דאָרט אַרבעטנ...“

אינ א גרוב לעבנ מאָראָזאָווסק האָט מענ געפונענ די טויטע קערפערס פונ יעלענאַ בעליענאָוואַ אונ זעקס יידישע קינדער.

יעסענטוקי

די דײַטשנ האָבנ פארנומענ יעסענטוקי דעמ 11 אויגוסט 1942 יאָר. דעמ 15 אויגוסט איז באַשטימט געוואָרנ דער „יידישער קאָמיטעט", וועלכער האָט דורכגעפירט די רעגיסטראַציע פונ די יידנ. עס זײַנענ פאַררעגיסטרירט געוואָרנ 307 אַרבעטספייִקע, און צוזאַמענ מיט די קינדער און אַלטע לײַט — בײַ א 2000 מאַנ.

פאַרטאָג פלעגנ די יידנ זיכ דאַרפנ מעלדנ אינ קאָמיטעט. מע פלעגט זיי שיקנ אָפ שווערער אַרבעט. די דײַטשנ פלעגנ זיכ איבער זיי איזדיעקעווענ, שלאָגנ מאַקעס-רעצעכ. באַזונדערס האָט געווילדעוועט דער „פאַראַנטוואָרטלעכער איבער די יידישע אָנגעלעגנהײַטנ" דער לייטענאַנט פפייפער. דער דאָזיקער דיקער דײַטש מיט דער רויטער מאָרדע פלעגט קומענ אינ „קאָמיטעט" אַרײַנ מיט א בײַטש אינ האַנט און פלעגט אָנפירנ מיט די פײַניקונגענ.

דעמ 7 סענטיאַבער איז די יידנ לויטנ באַפעל פונ דעמ קאָמענדאַנט פאָנ בעק פאָרגעלייגט געוואָרנ אַריבערפאָרנ אינ „ווייניק-באַפעלקערטע ערטער". אַלע יידנ האָבנ געדאַרפט קומענ אינ דער שול, וואָס הינטער דער אײַזנבאַנ, זיי האָבנ געדאַרפט מיטנעמענ מיט זיכ זאַכנ (ניט מער פונ 30 קילאָגראַמ), א טעלער, א לעפל און פראָדוקטנ אָפ דרײַ טעג. אָפ צוגרייטנ זיכ צום וועג האָט מענ געגעבנ 2 טעג.

דערוווסט זיכ וועגנ דעמ באַפעל און פאַרשטייענדיק, וואָס דאָס באַדײַט, איז באַגאַנגענ זעלבסטמאָרד דער דאָצענט פונעמ לענינגראַדער אוניווערסיטעט הערצבערג. דער פראָפעסאָר פונעמ לענינגראַדער אינסטיטוט יעפּרוסי און דער דאָצענט מיטשניק האָבנ אײַנגענומענ סאַמ, זיי זײַנענ אָבער געראַטעוועט געוואָרנ דורכ די דײַטשישע דאָקטוירימ, וועלכע האָבנ געהאַלטנ, אַז יידנ דאַרפ מענ הארגענענ לויט דעמ אײַנגעשטעלטנ רעגלאַמענט.

אינ דער זעלבער שול האָט מענ באַפוילנ ברענגענ אַלע קראַנקע, וועלכע האָבנ זיכ געפונענ אינ שפּיטאָל.

דעמ 9 סענטיאַבער אינדערפרי האָבנ זיכ אינ שול אָנגעהויבנ זאַמלענ יידנ. פיל פונ זיי האָבנ באַגלייט זייערע רוסישע פרײַנט. מע האָט זיכ געזעגנט און געוויינט. די געבײַדע איז אַרומגערינגלט געוואָרנ. די נאַכט האָבנ די פאַרורטיילטע פאַרבראַכט אינ שול. די קינדער האָבנ געוויינט, די וואַכ-סאָלדאַטנ האָבנ

געזונגענ לידער. דעמ 10 סענטיאבער 6 אזייגער אינדערפרי האָט מענ די יידנ ארײנגעזעצט אינ מאשינעס אָנ זאכנ. די מאשינעס זײנענ אוועקגעפאָרנ אינ דער ריכטונג צו מינעראלניע וואָדי.

500 מעטער פונעמ גלאָז=זאוואָד האָט זיכ געפונענ א גרויסער קענטאנק=רוי. די מאשינעס פלעגנ זיכ אָפּשטעלנ לעבנ דעמ רוי. די יידנ פלעגט מענ אויסטאָנ אונ ארײנזעצנ אינ די גאז=אוטאָמאָבילנ, ווו זיי פלעגנ דערשטיקט ווערנ. די, וואָס האָבנ געפרווט אנטלויפנ, האָט מענ צעשאָסנ. די קינדער האָט מענ געשמירט די ליפנ מיט א גיפטיקער פליסיקײט. די טויטע קערפערס האָט מענ ארײנגעוואָרפנ אינ רוי שיכטנווײז. ווענ דער רוי פלעגט פול ווערנ, פלעגט מענ אימ פארשיטנ מיט ערד אונ אײנפרעסנ מיט מאשינעס.

צווישנ די דערהארגעטע זײנענ, כוצ די אָנגערופענע, געווענ א סאכ געלערנטע אונ דאָקטוירימ: דאָצענט טינקער, די דאָקטוירימ ליפשיצ, זשיוואָטינסקאיא, גאָלדשמידט, קאָזיניעוויטש, ליסאיא, באלאבאנ, די יוריסטנ שאצ, דער פארמאציע=מאגיסטער סאָקאָלסקי.

פאר דער מילכאָמע האָט אינ יעסענטוקי געארבעט דער דאָקטער אײזענבערג. ער איז באשטימט געוואָרנ אלס שעפ פונעמ פעלד=שפיטאָל. נאָכ דעמ, ווי די רויטע ארמיי האָט באפרײט יעסענטוקי, איז דאָקטער אײזענבערג געקומענ קיינ יעסענטוקי. ער האָט זיכ דערוווסט, אז לעבנ דעמ גלאָז=זאוואָד זײנענ דערהארגעט געוואָרנ זײנ פרוי אונ דער צעניאָריקער זונ סאשע. צוזאמענ מיט די פאָרשטייער פונ דער רויטער ארמיי אונ מיט די ארבעטער פונעמ גלאָז=זאוואָד, האָט דער דאָקטער אײזענבערג אוועקגעשטעלט באמ רוי א מעמאָריאל=ברעט. דאָרט זײנענ פארגראָבנ ניט נאָר די יידנ פונ יעסענטוקי, נאָר אויכ פונ פיאטיגאָרסק, קיסלאָוואָדסק, זשעלעזנאָוואָדסק — סאכאקל העכער 10 טויזנט מאנ. דאָ זײנענ אויכ פארגראָבנ דערהארגעטע אײזנבאנארבעטער אונ פיל רוסישע פרויענ אונ קינדער.

שאמאָוואָ

דאָס איז געווענ אינעמ שטעטל שאמאָוואָ, ראָסלאווער ראיאָנ, סמאָלענסקער געגנט. דעמ 2 פעווראל 1942 יאָר האָט דער ראָסלאווער קאָמענדאנט דער לייטענאנט קראוזע געמאָלדנ דער פאָליציי: אלע יידנ, וואָס וווינענ אינ שאמאָוואָ, דארפנ פאר=

ניכטעט ווערנ. די פאָרורטיילטע האָט מענ צוגויפגעטריבנ אפנ פלאצ לעבנ דער קירכ. עס איז דאָרט געווענ בא א 500 מאַנ: אַלטע לײַט, פרויענ מיט קינדער. עטלעכע מיידלעכ האָבנ געפרווט אנטלויפנ, אָבער די פּאָליציי-לײַט האָבנ זיי צעשאָסנ.

אפנ בעסוילעמ האָט מענ אוועקגעפירט צו צענ מענטשנ. דאָרט פלעגט מענ זיי צעשיסנ. צווישנ די פאָרורטיילטע זײַנענ געווענ צוויי שוועסטער סימקינס. די יינגערע — ראַיסע, א סטודענטנ פונ דעמ לענינגראַדער פעד. אינסטיטוט, האָט מענ דערהאַרגעט איינע פונ די ערשטע, די עלטערע, פאַניע, א לערערנ, דערציילט:

„דאָס איז געווענ פאַרנאַכט דעמ 2 פעווראַל. איכ האָב זיכ צעקושט מיט דער שוועסטער, מיר האָבנ זיכ צעזעגנט — מיר האָבנ געוווּסט, אז מיר גייענ צומ טויט. איכ האָב געהאַט א זונ וואַלערי. ער איז אַלט געווענ נײַנ כאָדאָשימ. איכ האָב אימ געוואָלט איבערלאָזנ אינ דער היימ, עפשער וועט אימ עמעצער נעמענ אונ אויסהאָדעווענ, די שוועסטער האָט אָבער געזאָגט: „מע דאַרפ ניט. ער וועט אַלצייננס אומקומענ. זאָל ער כאָטש מיט דיר אינײַנעמ שטאַרבנ". איכ האָב אימ אײַנגעוויקלט אינ א קאָלדרע. עס איז אימ געווענ וואַרעמ. די שוועסטער האָט מענ אוועקגעפירט די ערשטע. מיר האָבנ געהערט געשרייענ, שאָסנ. דערנאָכ איז אַלצ שטיל געוואָרנ. אינ דער צווייטער פּאַרטיע האָט מענ געפירט אונדז. מע האָט אונדז געבראַכט אפנ בעסוילעמ. די קינדער האָט מענ אויפגעהויבנ פאַר די האָר אָדער פאַרנ האַלדז, ווי קעצלעכ, אונ געשאָסנ זיי אינ די קעפּ. דער גאַנצער בעסוילעמ האָט געשריענ. בא מיר האָט מענ אַרויסגעריסנ פונ די הענט מײַנ זונעלע. ער איז אַרויסגעפאַלנ אינ שניי. עס איז אימ געוואָרנ קאַלט אונ ס'האָט אימ עפּעס ווי געטאָנ, ער האָט געשריענ. דערנאָכ בינ איכ געפאַלנ פונ א קלאַפּ. מע האָט אָנגעהויבנ שיסנ. איכ האָב געהערט קרעכצנ, קלאָלעס, א שיסערײַ, אונ איכ האָב פאַרשטאַנענ, אז אינ מיר האָט מענ ניט געטראָפנ. אָבער וואַלעריק... מיר איז פינצטער געוואָרנ אינ די אויגנ. דערנאָכ האָבנ זיי געשלאָגנ יעדנ מעם — מע האָט קאָנטראָלירט, ווער עס לעבט נאָכ. מיכ האָט מענ צוויי מאָל זייער שטאַרק א זעצ געטאָנ. איכ האָב געשוויגנ. מע האָט אָנגעהויבנ אַראָפּנעמענ די זאַכנ פונ די דערהאַרגעטע. אפ מיר איז געווענ אנ אַלט קליידל, זיי האָבנ עס אַראָפּגעריסנ. קראַוזע האָט צוגערופנ די פּאָליציי-לײַט אונ האָט עפּעס געזאָגט. אַלע

זײַנען אַוועק. איך האָב זיך אַ צי געטאָן צו וואַלעריקן. ער איז געווען קאַלט. איך האָב אים אַ קוש געטאָן, זיך געזעגנט מיט אים. אײניקע האָבן נאָך געקרעכצט, געכריפּעט. נאָר וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? איך בין אַוועק. איך האָב גערעכנט, אַז מע וועט מיך דערהרגענען. נאָך וואָס זאָל איך לעבן? איך אַלײן. עמעס, איך האָב אַ מאַן אַפֿן פֿראָנט. אָבער ווער ווייסט, צי לעבט ער נאָך. איך בין געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט. כ'האָב אָפּגעפֿרוירן די הענט. איך האָב ניט קײן פֿינגער. איך האָב זיך אָבער דערקליבן צו די פּאַרטיזאַנער״.

אינדערפֿרי האָט דער לייטענאַנט ווידער געשיקט די פּאָליציי־לײַט אַפֿן בעסוילעם: דערהרגענען די פֿאַרווּנדעטע.

אין צוויי טעג אַרום זײַנען אין דער פּאָליציי־פֿאַרוואַלטונג געקומען פֿיר אַלטע ייִדן. זיי האָבן געפּרוּווט אַוועקגײן פֿון טויט, עס האָט זיך זיי אָבער ניט אײַנגעגעבן. שמואל, 70 יאָר אַלט, האָט געזאָגט: „איר קאָנט אונדז דערהרגענען“. די אַלטע האָט מען אָפּגעפֿירט אין אַ שטאַל, מע האָט זיי געשלאָגן מיט אַן אײַזערנעם שטעקן, און ווען זיי פֿלעגן פֿאַרלירן דעם באַוווּסטזײַן, פֿלעגט מען זיי אָפּרײַבן מיט שניי, דערנאָך האָט מען צו יעדנס רעכטן פֿוס צוגעבונדן אַ שטריק, אַריבערגעוואָרפֿן דעם שטריק איבער אַ באַלקן. לויט אַ קאָמאַנדע, פֿלעגן די פּאָליציי־לײַט אויפֿהייבן די אַלטע צוויי מעטער איבער דער ערד און דערנאָך אַראָפּוואַרפֿן. צום סוף האָט מען די אַלטע צעשאָסן.

סטאַווראָפּאָל

„דעם 5 מײַ 1943 יאָר האָב איך זיך אומגעקערט אין מײַן היים־שטאָט סטאַווראָפּאָל, וואָס די רויטע אַרמיי האָט באַפֿרײַט. די דײַטשן האָבן דערהרגעט מײַן גאַנצע מישפּאָכע: דעם אַלטן טאַטן, די מוטער, דעם ברודער מיט ווײַב־און־קינד און פֿיר שוועסטער מיט די קינדער, צווישן זיי זײַנען געווען זויג־קינדער.

ווען די דײַטשן האָבן פֿאַרנומען סטאַווראָפּאָל, האָבן זיי אײַנגעאָרדנט אַ ייִדישן קאָמיטעט אַף צו „באַשיצן“ די אינטערעסן פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. עס איז דורכגעפֿירט געוואָרן אַ רעגיסטראַציע פֿון ייִדן. אין אַ וואָך אַרום האָבן די דײַטשן פֿאַרעפֿנטלעכט אַלע עוואַקוירטע ייִדן זיך מעלדן אַפֿן וואָקזאַל־פּלאַץ, האָבנדיק מיט זיך ביז 30 קילאָגראַם זאַכן „אַף אַריבערצוּוואַנדערן אין ווייניקער באַפֿעלקערטע ראַיאָנען“. אַלע פֿאַר־

זאַמלטע האָט מענ אַרײַנגעזעצט אינ מאַשינעם פונ אַ ספּעציִעלער קאָנסטרוקציע און דערשטיקט מיט גאַז. די זאַכנ האָט מענ אָפּגעפירט אינ געסטאַפּאָ.

אינ צוויי טעג אַרום, דעם 14 אווגוסט 1942 יאָר, האָבנ די דײַטשנ פאַרגעלייגט אַלע אָרטיקע ייִדנ זיך מעלדנ אַפ צו באַקומענ ספּעציִעלע בענדלעך צו טראָגנ אַפ די אַרבל. אַלע זײַנענ געקומענ צו גייִנ, דערונטער אויך מײַנ מישפּאָכע. מע האָט זיי אָפּגעהאַלטנ אינ געסטאַפּאָ ביז אינאָוונט, און אינאָוונט האָט מענ געזאָגט, אַז אינדערפרי וועט מענ אָפּלאָזנ אַהיים. אינדערפרי האָט מענ זיי אויסגעטאָנ מוטער־נאַקעט, אַרײַנגעזעצט אינ גאַז־מאַשינעם און אַרויסגעפירט פונ שטאָט.

די אָפּיצערנ און געסטאַפּאָווצעס האָבנ זיך אַוועקגעלאָזט איבער די ייִדישע דירעס צו באַראַבעווענ זיי.

איך וויל זאָגנ וועגנ מײַנ מוטער. זי האָט געהאַט אורייניקלעך. זי האָט אויסגעהאָדעוועט זיבנ קינדער. די לעצטע צוויי יאָר איז זי געווענ קראַנק, זי פלעגט קימאַט ניט אַרויסגייִנ פונ שטוב, פלעגט קאָכנ בײַ דער פּליטע מיטיק. צו איר פלעגנ קומענ אייניקלעך, פלעגנ איר ברענגענ בלומענ. זי איז געזעסנ צווישנ זיי אַ שוואַכע און אַ פרײדיקע. מע האָט זי געזענ, ווי זי איז געגאַנגענ אינ געסטאַפּאָ. זי איז געגאַנגענ אַנ אײַנגעהויקערטע, אינ אַנ אָפּגעריבענעם קאַפּאָט, צוגעדעקט מיט אַ שוואַרצ טיכל די גרויע האָר. ווי אויסגעהוילט און שרעקלעך דאַרפ זײַנ דאָס האַרצ פונ דעם מענטשנ, וואָס האָט זי אַרײַנגעשטופּט אינ גרוב אַרײַנ!

זיי האָבנ געלעבט אַ פרײדלעך לעבנ, פאַריכט זייגערס, גענייט קליידער, געשטעפּט שיך. די קינדער זײַנענ געגאַנגענ אינ שול, געפאָרנ אַפ פעלד־אַרבעטנ. דער שוועסטערס עלטסטע טאָכטער ליבע איז געווענ אַ שטאַרק, שיינ מיידל, אַ ספּאָרטסמענקע. אינ די ערשטע אָקופּאַציע־טעג פלעגנ צו איר צושטייִנ דײַטשישע אָפּיצערנ. קומענדיק אַהיים, פלעגט זי וויינענ פאַר באַליידיקונג, דאָס שטאָלצע סאָוועטישע מיידל. דערנאָך האָט מענ זי דערהאַרגעט.

מע האָט דערהאַרגעט אויך דעם ברודערס ייִנגסטנ זונ. ער איז אַלט געווענ 10 כאָדאָשים. צוערשט האָבנ זיי געזאָגט, אַז מעלדנ דאַרפנ זיך קינדער עלטער פונ 8 יאָר, דערנאָך האָבנ זיי פאָרגעלייגט די פאַרזאַמלטע פרויענ ברענגענ אַלע קינדער — „צו פאַרעגיסטרירנ“ און האָבנ זיי דערהאַרגעט.

אײנע א פּלימעניצע מײַנע האָט די מוטער ניט גענומענ מיט זיכ. דאָס מײדעלע האָט זיכ אויסבאַהאַלטנ בא שכײנים. װעגנ דעמ האָבנ זיכ דערװוּסט די געסטאַפּאָװצעס. א גאַנצנ טאָג האָבנ סאָלדאַטנ ארומגעזוכט א צװעלפיאָריק מײדעלע. מע האָט זי ניט געפונענ. אפ מאָרגנ איז זי אַלײנ אװעק אינ געסטאַפּאָ, כאָטש די שכײנעס האָבנ זיכ געבעטנ בא איר, זי זאָל ניט גײנ. זי האָט געזאָגט: „איכ װיל צו דער מאַמענ“. זי האָט מענ אױכ דערהאַרגעט.

א נאַנקינ“.

יונ 1943 יאָר.

קראַסני

„ביז דער מילכאָמע האָב איכ געװױנט אינ מינסק. דעמ 24 יונ 1941 יאָר האָב איכ ארויסבאַגלײט דעמ מאַנ אפנ פראָנט. איכ בינ ארויס פונ שטאָט מיט מײַנ קינד, װאָס איז אַלט געװענ 8 יאָר. אװעק בינ איכ אפ מיזרעכ. איכ האָב באַשלאָסנ צו דערקלײַבנ זיכ צו מײַנ הײמשטאָט — קראַסני, מיטנעמענ מיט זיכ דעמ פאָטער און די ברידער אונ גײנ װײַטער. אינ קראַסני האָבנ מיכ אָנגעיאָגט די דײַטשנ. זײ זײַנענ געקומענ אַהינ דעמ 13 יול.

דעמ 25 יול האָט מענ ארויסגעהאַנגענ א מעלדונג — עס װעט פאָרקומענ א פאַרזאַמלונג פונ די אײַנװױנער פונ שטאָט. אפ דער פאַרזאַמלונג האָבנ די דײַטשנ געזאָגט, אַז די ייִדנ דאַרפנ זיכ אָנ פראָטעסטנ אונטערװאַרפנ אַלע פאַראָרדענונגענ פונ די דײַטשישע סאָלדאַטנ.

מע האָט אָנגעהױבנ ארומגײנ איבער די דירעס, אַראָפּנעמענ דאָס לעצטע קלײדל פונ לײַב, שלאָגנ מיט שטעקנס אונ בײַטשנ.

דעמ 8 אװגוסט האָבנ זיכ אינ דער שטוב, װו איכ האָב געװױנט, ארײַנגעריסנ די עסעסאָװצעס. זײ האָבנ געכאַפּט מײַנ ברודער באָריס סעמיאָנאָװיטש גלוּשקינ. ער איז אַלט געװענ 38 יאָר. זײ האָבנ אימ גענומענ שלאָגנ, דערנאָכ האָבנ זײ אימ ארויסגעװאָרפנ אפ דער גאַס, איזדיעקעװעט זיכ איבער אימ, אופגעהאַנגענ אפ דער ברוסט א ברעט, ענדלעכ האָבנ זײ אימ ארײַנגעװאָרפנ אינ א קעלער. אפ מאָרגנ אינדערפרי זײַנענ אויסגעהאַנגענ געװאָרנ מעלדונגענ: „אַלע אײַנװױנער פונ דער שטאָט װערנ אײַנגעלאַדנ בײַצוזײַנ באַמ עפנטלעכנ טויטנ א ייִדנ“. מײַנ

ברודער האָט מען ארויסגעפירט, מע האָט אים אויסגעטאָן, צוגעבונדן צום עק פון א פערד און אָנגעהויבן אזוי ארומשלעפן. ער איז שוין געווען א האלב-טויטער, ווען מע האָט אים דערהארגעט.

אפ מאָרגן, 2 אזייגער באנאכט — מע קלאפט זו דער. עס איז געקומען דער קאָמענדאנט. ער האָט געפאָדערט, מע זאָל אים ארויסגעבן דאָס ווײַב פון דעם דערהארגעטן ייִדן. זי האָט געוויינט, דערשיטערט פון דעם מאנס שרעקלעכן טויט. עס האָבן געוויינט די דרײַ קינדער. מע האָט זי אוועקגעפירט. מיר האָבן געמיינט, אז מע וועט זי דערהארגענען. די דײַטשן זײַנען אָבער געווען נאָך נידערטרעכטיקער — זיי האָבן זי פארגוואלדיקט בא אונדז אין הויף.

דעם 27 אווגוסט איז געקומען א ספּעציעלער אָטריאד. מע האָט צונויפגעטריבן די ייִדן, געמאָלדן, אז זיי דארפן טייקעף ברענגען זייער גאנץ האָב-און-גוטס און אָפּגעבן די דײַטשן, אוּן דערנאָך ארײַבערגיין אין געטאָ. די דײַטשן האָבן אָפּגעצאמט א שטיקל ערד מיט שטעכיקן דראָט און האָבן אופגעהאנגען א מעלדונג: „געטאָ. ארײַנגאנג פארבאָטן“. אלע ייִדן, אפילע קינדער, האָבן געדארפט טראָגן אפ דער ברוסט און אפן רוקן א געלן מאָגנדאָוויד. יעדער אייגער האָט געהאט דאָס רעכט צו שלאָגן און באליידיקן א מענטשן, וואָס האָט געטראָגן אזא צייכן.

אין געטאָ פלעגט מען באנאכט אײַנאָרדענען „דורכקאָנטראָלירונגען“, מע פלעגט ארויסטרײַבן אלעמען אפן בעסוילעם, שלאָגן ביז טויט. די מיידלעך פלעגט מען שענדן. די דײַטשן פלעגן שרײַען: „ווער עס גלייבט אין דעם, אז עס וועלן זיך אומקערן די באָלשעוויקעס, זאָל אופהייבן די הענט“. זיי פלעגן קײַכן פאר געלעכטער און ווידער שלאָגן. אזוי יעדע נאכט.

דאָס איז געווען אין פעווראל. באנאכט האָבן זיך ארײַנגעריסן די עסעסאָווצעס, גענומען לײַכטן מיט די לאמטערנדלעך. פאר א קאָרבן האָבן זיי זיך דאָס מאָל אויסגעקליבן דאָס 18-יאָריקע מיידל עטיע קוזנעצאָווע. מע האָט איר געהייסן אויסטאָן דאָס העמד. זי האָט זיך אָפּגעזאָגט. מע האָט זי לאנג געשלאָגן מיט א נאהײַקע. די מוטער, וואָס האָט מוירע געהאט, אז מע וועט די טאָכטער דערהארגענען, האָט געשעפּטשעט: „שטעל זיך ניט קעגן“... זי האָט זיך אויסגעטאָן. דעמלט האָט מען זי אוועקגעשטעלט אפ א שטול, באלויכטן מיט די לאמטערנדלעך און

גענומענ זיכ איזדיעקעווענ. עס איז שווער וועגנ דעמ צו דערציילנ.

גליקלעכע זײַנענ אנטלאָפנ אינ וואלד. נאָר וואָס האָבנ געזאָלט טאָנ אַלטע לײַט, פרויענ מיט קינדער, קראַנקע? בײַ מיר זײַנענ געווענ כאַווײַרימ אינ קראַסני, מיט וועלכע כ'האָב געוואָלט אָוועקגיינ פּאַרטיזאַנעווענ. מיר האָבנ געוואַרט. ביז ס'וועט ווערנ א ביסל וואַרעמער. נאָכ דעמ 8 אַפּרעל 1942 יאָר האָבנ מיר די כאַווײַרימ מיטגעטיילט, אַז ס'איז אָנגעקומענ א שטראָפ-אָטריאַד. מיר האָבנ באַשלאָסנ זיכ פּרוּוונ — עפּשער וועט דאָס מאָל שפּילנ. א האַלבע שעה פאַר דעמ, איידער די שטאָט איז אַרומגערינגלט געוואָרנ, בינ איכ אַרויס פונ שטאָט. וווּהינ גייט מענ? אומעטומ פּאָליציי. איכ האָב זיכ דערקליבנ צומ לאַגער, ווו עס האָבנ זיכ געפונענ קריגסגעפאַנגענע — איכ בינ געווענ מיט זיי פאַרבונדנ.

די שטאָט האָט מענ אַרומגערינגלט. אַלע יידנ האָט מענ אַרײַנגעטריבנ אינ איינ הויפ, געצוווּנגענ זיכ אויסטאָנ. מײַנ פאָטער איז אַוועק דער ערשטער. ער איז אַלט געווענ 74 יאָר. ער האָט געטראָגנ אַפ די הענט זײַנ צוויי-יאָריק אייניקל. דאָס ווײַב פונ מײַנ עלטערנ ברודער, וועלכנ די דײַטשנ האָבנ דערהאַרגעט נאָכ אינ אַווגוסט, יעווגעניאַ גלושקינאַ, האָט געפירט מיט זיכ צוויי קינדער — פונ 12 אונ פונ 7 יאָר. דאָס דריטע קינד, וואָס איז אַלט געווענ כאַכאַקל א יאָר, האָט זי איבערגעלאָזנ אינ וויגעלע. זי האָט געמיינט, עפּשער וועלנ די כײַעס ראַכמאָנעס האָבנ אַפנ אייפעלע. אָבער נאָכ דעמ, ווי די דײַטשנ האָבנ געענדיקט די שכיטע, האָבנ זיי זיכ אומגעקערט אינ געטאָ אינ האָבנ אָנגעהויבנ צונויפקלײַבנ די שמאַטעס. זיי האָבנ דערזענ אינ וויגעלע אַלעקנ. איינער א דײַטש האָט אַרויסגעשלעפּט דאָס קינד אַפ דער גאַס אונ האָט א זעצ געטאָנ מיטנ קעפּל אינ אײַז. דער אָנפירער פונעמ אָטריאַד האָט געהייסנ צעהאַקנ דעמ קינדס קערפּערל אַפ שטיקלעכ אונ אַרויסוואַרפנ פאַר הינט.

איכ בינ אַוועק צו די פּאַרטיזאַנער. מיר איז געווענ שווער מיטנ קינד. נאָר אינ די שווערע באַדינגונגענ האָבנ געהאָלפנ סאָלידאַרישקײַט, כאַווערשאַפט, מענטשלעכע זאָרג. גרויסע מאַרשנ, אַפ טריט אונ שריט דײַטשישע סאָלדאַטנ. איכ בינ געווענ א פאַרבינדלערנ. צוויי מאָל האָב איכ באַגעגנט דײַטשנ פונ די שטראָפ-אָטריאַדנ. מײַנ קינד איז געווענ צו אַלצ גרייט. איכ האָב דעמ אָנגעזאָגט: „אויב מע וועט מיכ פאַקנ, אויב מע וועט

מיכ שלאָגנ און שטעכנ מיט שפּילקעס, אויב איכ וועל וויינענ אָדער שרײַענ, זאָלסטו שווײַגנ". דאָס אכטיאָריקע יינגעלע האָט זיכ קיינמאָל ניט געקלאָגט, ער האָט זיכ געקאָנט האלטנ מיט די דײַטשנ. ער איז געווענ אנ עמעס פּארטיזאניש קינד.

צוויי יאָר האָבנ מיר זיכ געשלאָגנ, און אָט איז געקומענ דער טאָג, ווענ איכ האָב דערזענ די רויטע ארמיי...

אגראָנאָמ סאָפיא גלושקינא".

נאָיאבער 1943 יאָר.

מאָנאסטיר שטשינע

אינעמ שטעטל מאָנאסטירשטשינע, סמאָלענסקער געגנט, האָבנ געווינט א סאכ יידנ. דאָ איז געווענ א יידישער קאָלווירט. אינ נאָיאבער 1941 יאָר האָבנ די דײַטשנ אויסגעראָטנ אלע יידנ — 1008 נעפאשעס. מע האָט צעשאָסנ פונ אויטאָמאטנ. די קינדער האָט מענ פארגראָבנ לעבעדיקערהייט. אפנ געריכט, ווענ מע האָט בא דעמ פּאָליציימאנ דודיג געפרעגט, צי האָט ער ווירקלעכ געוואָרפנ לעבעדיקע קינדער אינ קייווער ארײַנ, האָט ער געענטפערט: „כ'האָב ניט געוואָרפנ, כ'האָב געלייגט".

עס זײַנענ דערהארגעט געוואָרנ אויכ די קינדער פונ די געמישטע פּאָרנ. די רוסישע פרוי, די לערערנ ליובאָוו אלעקסאנדראָוונא דובאָוויצקאיא האָט כאסענע געהאט פאר א יידנ. מע האָט זי ארעסטירט און געפּײַניקט. אירע קינדער — 7 יאָר, 4 יאָר און איינ יאָר — זײַנענ דערהארגעט געוואָרנ. דובאָוויצקאיא איז אלט 27 יאָר, נאָכ דעמ אלעמ, וואָס זי האָט איבערגעלעבט, זעט זי אויס ווי א זקיינע.

מאָנאסטירשטשינע איז פארברענט. פונ די הײַזער זײַנענ געבליבנ בלויז אויוונס. אָט איז דער אויוונ פונ דעמ הויז, ווו עס האָט געווינט דער אָנגעשטעלטער פונעמ ראיאָנעמ זאגס יִיצכאָק ראָזענבערג. זײַנ ווײַב איז א רוסישע פרוי פונ זשיריאטינער ראיאָנ, אָריאָלער געגנט. נאטאליא יעמעליאנאָוונא ראָזענבערג האָט צוויי קליינע קינדער. זיי זײַנענ לעבנ געבליבנ. דער מוטער האָט זיכ אײַנגעגעבנ אײַנריידנ די הענקער, אז דאָס זײַנענ קינדער פונ איר ערשטנ מאנ.

נאטאליא יעמעליאנאָוונא האָט באהאלטנ דעמ מאנ אינ א גרוב הינטערנ אויוונ. דאָרט איז ער אָפּגעזעסנ העכער צוויי יאָר.

ער איז געזעסנ אײנגעהויקערט. מע האָט זיכ ניט געקאָנט ניט לײגנ, ניט שטעלנ. װענ ער פלעגט באַדערנאַכט ארויסגײנ, פלעגט ער זיכ ניט קאָנענ אויסגלײכנ. פונ די קינדער האָט מענ אויסגעבאהאלטנ, אז זײער פאָטער באהאלט זיכ אויס אינ גריב. אײנמאָל האָט זײנ פינפיאָריק טעכטערל ארײנגעקוקט אינ א שפאלט אונ האָט דערזענ א פאָר גרויסע שװארצע אויגנ. א דערשראָקענע, האָט זי אָנגעהויבנ שרײענ: „מאמע, װער איז דאָרט?“ נאטאליא יעמעליאנאָװנא האָט רויִק געענטפערט: איכ האָב זי לאנג באמערקט — דאָס איז זײער א גרויסער שטשור“.

אפ שטיקלעכ צײטונגענ, װעלכע עס פלעגנ ארויסגעבנ די דײטשנ, פלעגט יִצכאָק ראָזנבערג יעדנ טאָג פארשרײבנ די געשעענישנ פונ זײנ אונטערערדיש לעבנ אונ אויכ דאָס, װאָס דאָס װײב פלעגט אימ דערצײלנ װעגנ דער „נײער אָרדענונג“ אינ מאָנאסטירשטשינע. אָפט פלעגט די גרוב פול װערנ מיט װאסער. דער הוסט האָט געשטיקט ראָזנבערגנ, נאָר ער האָט ניט געװאגט הוסטנ. ער האָט געשריבנ װעגנ דעם.

די שטוב איז געװענ א גוטע אונ זי איז געפעלנ געװאָרנ די דײטשנ. דעמלט האָט נאטאליא יעמעליאנאָװנא באנאכט צעגנומענ דעם דאכ. אינ שטוב האָט אָנגעהויבנ ארײנרינענ. װינטער איז געװענ קאלט. דערפאר אָבער האָבנ זיכ די דײטשנ אויפגעהערט צו אינטערעסירנ מיט נאטאליא יעמעליאנאָװנאס הויז.

נאטאליא יעמעליאנאָװנא איז קראנק געװאָרנ אפ פלעק־טיפוס. מע האָט זי אװעקגעפירט אינ שפיטאָל. יִצכאָק ראָזנבערג פלעגט באנאכט ארויסקריכנ פונ זײנ גרוב אונ עסנ די קלײ פונ די טאפעטנ. אזוי האָט ער געלעבט צװײ װאָכנ. אונ נאטאליא יעמעליאנאָװנא האָט, ליגנדיק אינ שפיטאָל, זיכ געזעגנט מיטנ געדאנק, זי זאָל אינ היץ כאָלילע ניט דערצײלנ װעגנ מאנ.

אינ סענטיאבער 1943 יאָר זײנענ די טײלנ פונ דער רויטער ארמײ צוגעגאנגענ הארט צומ שטעטל. מאָנאסטירשטשינע איז א קנופ־פונקט פונ װעגנ. די דײטשנ האָבנ דאָרט געשטעלט א שטארקנ װידערשטאנד. עס זײנענ געגאנגענ שלאכטנ. לעבנ ראָזנבערגס הויז זײנענ געשטאנענ דײטשנ מיט א הארמאט. נאטאליא יעמעליאנאָװנא האָט גענומענ די קינדער אונ איז, װי אנדערע אײנװוינער פונ מאָנאסטירשטשינע, אנטלאָפנ אינ װאלד. זי האָט זיכ אומגעקערט, װענ אינ שטעטל האָבנ זיכ ארײנגעריסנ די רויטארמײער. אָנשטאָט איר הויז האָט זי דערזענ א הויפנ אש, װאָס האָט זיכ נאָכ געריכערט, אונ דעם אויװנ: די

שטוב איז פארברענט געוואָרנ. יִצכאָק ראָזנבערג איז דערשטיקט געוואָרנ פונ רויכ. ער איז אָפגעזעסנ אינ גרוב זעקס און צוואנציק כאדאָשימ און איז געשטאָרבנ מיט צוויי טעג פאר דעמ, ווי די סאָוועטישע טיילנ האָבנ באפרייט מאָנאסטירשטשינע.

סאָראָטשיצי

אינ סאָראָטשיצי האָט געווינט א פרויענ-דאָקטער ליובאָוו מיכײַלאָוונא לאנגמאנ. די באפעלקערונג האָט זי זייער ליב געהאט, און די פויערימ האָבנ זי אויסגעבאהאלטנ פונ די דײַטשנ. צוזאמענ מיט איר האָט זיכ אויסגעבאהאלטנ איר 11-יאָריקע טאָכטער.

ווענ לאנגמאנ האָט זיכ געפונענ אינעמ דאָרפ מיכײַליקי, איז צו איר געקומענ א הייבאמ און האָט דערציילט, אז באמ סטאראָסטעס ווײַב איז זייער א שווערער קימפעט. לאנגמאנ האָט דערקלערט דער הייבאמ, וואָס זי האָט צו טאָנ. די לאגע פונ דער געווינערנ איז אָבער געוואָרנ וואָס א שאָ ערגער. טרײַ איר כויוו, איז לאנגמאנ אוועק צומ סטאראָסטע אהיימ און האָט געראטעוועט די מוטער און דאָס קינד. נאָכדעמ האָט דער סטאראָסטע מיטגעטיילט די דײַטשנ, אז בא אימ אינ כאטע געפינט זיכ א יִדישע פרוי. די דײַטשנ האָבנ גענומענ די פרוי מיטנ מיידעלע און זיי אוועקגעפירט שיסנ. פונ אָנהייב האָט לאנגמאנ געבעטנ: „הארגעט ניט דאָס קינד". דערנאָכ האָט זי אָבער צוגעדריקט די טאָכטער צו זיכ און האָט געזאָגט: „שיסט, איכ וויל ניט, אז זי זאָל לעבנ אינ איינ וועלט מיט אײַכ".

די מוטער און די טאָכטער זײַנענ דערהארגעט געוואָרנ.

פיריאטינ

דעמ 6 אפרעל 1942 יאָר, אפ מאָרגנ נאָכ פייסעכ, האָבנ די דײַטשנ דערהארגעט אינ דער שטאָט פיריאטינ, פאָלטאווער געגנט, 1600 יִדנ — אלטע לײַט, פרויענ, קינדער, וועלכע האָבנ ניט באוויזנ אוועקצוגיינ אפ מיזרעכ.

די יִדנ האָט מענ ארויסגעפירט אפ גרעבענער וועג, געבראכט צו דער פיראָגאָווסקער לעוואדע, דרײַ קילאָמעטער פונ דער שטאָט. דאָרט זײַנענ געווענ צוגעגרייט גרויסע גריבער, די יִדנ האָט מענ אויסגעטאָנ. די דײַטשנ און די פאָליציי-לײַט האָבנ זיכ גלײַכ צעטיילט מיט די זאכנ. אינ די גריבער פלעגט

מענ אריינגעטריבנ צו פינפ מענטשנ אונ שיסנ פונ אויטאָמאַטנ.

דריי הונדערט איינוווינער פונ פּיריאַטינ האָבנ די דייטשנ ארויסגעטריבנ צו דער פּיראָגאָווסקער לעוואַדע צו פאַרשיטנ די גרוב. צווישנ זיי איז געווענ פּיאָטר לאַווערענטיעוויטש טשעפּורענ-קאָ. ער דערציילט:

„איכ האָב געזענ ווי זיי הארגענענ. 5 אזייגער באַטאָג האָט מענ געגעבנ א קאָמאַנדע: „פאַרשיטנ די גריבער". אונ פונ דער גרוב האָבנ זיכ געטראָגנ געשרייענ, קרעכצנ. אונ-טער דער ערד האָבנ זיכ די מענטשנ נאָכ באַוועגט. פּלוצעמ זע איכ — פונ אונטער דער ערד הייבט זיכ אופ מיינ שאָכנ רודערמאַנ. ער איז געווענ אנ ארבעטער אפ דער וואָליקעס-פאבריק. זיינע אויגנ זיינענ געווענ פאַרלאָפנ מיט בלוט. ער האָט געשריענ: „הארגע מיכ!" פונ הינטנ האָט אויכ עמעצער א גע-שריי געטאָנ. דאָס איז געווענ דער סטאָליער סימע. מע האָט אימ פאַרוווּנדעט, נאָר ניט דערהארגעט. די דייטשנ האָבנ אָנ-געהויבנ צו דערהארגענענ די, וואָס האָבנ נאָכ געלעבט, די פּאָ-ליציי-לייט — אויכ. באַ מיינע פיס איז געלעגנ א דערהארגעטע פרוי. פונ אונטער איר איז ארויסגעקראָכנ א יינגעלע פונ א יאָר פינפ אונ האָט אָנגעהויבנ שרייענ: „מאַמינקע!" מער האָב איכ קיינ זאַכ ניט געזענ. איכ בינ געפאַלנ כאַלאָשעס".

איסער קלובאָקס בריוו

„זומער 1942 יאָר, ביים אונדזער ארמיי איז אָפּגעטראָטנ, האָב איכ זיכ געפונענ באַמ זונ אינ דער שטאָט וואָראָשילאָוו-גראַד. עס האָט זיכ אָנגעהויבנ די עוואַקואַציע. ארויספירנ אלע-מענ האָט מענ, נאַטירלעכ, ניט געקאָנט, די אייזנבאַנענ זיינענ געווענ פאַרפּראָפּט. האָט מענ געמוזט אָנקומענ צו א פור. איכ האָב צונויפגעלייגט די זאַכנ אפ א פור אונ בינ אוועק נאָכ א צעטל וועגנ עוואַקואַציע. איכ קער זיכ אומ — ניטאָ קיינ פור. האָט מענ זיכ געמוזט ארויסקלייבנ אָנ זאַכנ אונ אָנ פּראָדוקטנ.

דאָכ בינ איכ אריינגעפאַלנ אינ דעמ לעצטנ עשעלאָנ. די ריכטונג איז געווענ אפ סטאַלינגראַד. פאַר דער סטאַנציע ליכאַיא איז דער וועג געווענ צענומענ. מיר זיינענ אָפּגעשטאַנענ א גאַנ-צע נאַכט. 10 אזייגער אינדערפרי האָט אונדז דער דייטש אָנ-געהויבנ באַשיסנ פונ קוילנוואַרפער. עס זיינענ געווענ א סאַכ דער-הארגעטע אונ פאַרוווּנדעטע. 4 אזייגער באַטאָג האָט דער דייטש

װידער געשאָסנ און באָמבאַרדירט. מיר האָבנ באַשלאָסנ גײנ צופוס. װוהינ גײט מענ אָבער? נעענטער פונ אַלצ איז געװענ צו סטאַלינגראַד. מיר האָבנ זיכ אָבער דערװוּסט, אַז דער װעג איז איבערגעשניטנ. האָבנ מיר זיכ געלאָזט צו סאַלסק — אַסטראַכאַנ, געװאָלט דורכגײנ אינ טיפ־רוסלאַנד, נאָר נעכטיקע טעג — פונ אַלע זײַטנ דײַטשנ. האָבנ מיר באַשלאָסנ צו גײנ ביז עס װעט קלעקנ קױכעס. אױב עס װעט זיכ אײַנגעבנ — ניט טרעפנ זיכ מיט די דײַטשנ, אָדער געפינענ די פּאַרטיזאַנער, נאָר דערי־ קער ניט אַרײַנפאַלנ אינ די הענט צו די דײַטשישע אױסװוּרפנ.

איכ בינ דורכגעגאַנגענ באַ א 700 קילאָמעטער. דערנאָכ האָבנ זיכ אָפ די פיס באַװיזנ פּענכערס און די פיס האָבנ זיכ אָפּגעזאָגט צו גײנ. איכ בינ דאָכ געבוירנ אינ 1875 יאָר. האָב איכ זיכ געמוזט אָפּשטעלנ אינעם קאָלװירט „קראַסני באָיעצ“, לאַרבאַלקעװער דאָרפסאָװעט, סטאַװראָפּאָלער קאַנט.

איכ האָב געזענ די דײַטשישע איזדיעקעניש, כ'האָב געלײענט זײערע באַפעלנ אינ דער באַנדיטישער צײַטונג „אוטראָ קאַװקאַזאַ“. דאָרט האָבנ פאַרעטער געשריבנ, אַז אינ אַלצ זײַנענ שולדיק די ייִדנ און אַז די דײַטשנ זײַנענ װוילע יונגענ. זײ זײַנענ שוינ קלוימערשט אינ מאָסקװע און אײַלנ אָפ אוראַל.

פלוצעמ האָט זיכ באַװיזנ א באַפעל צו אַלע ייִדנ און האַלבע ייִדנ, זײ זאָלנ זיכ טײקעפ מעלדנ אינ דעמ אָנגעװיזענעמ אָרט. װער עס װעט זיכ ניט מעלדנ, יענעמ װעט מענ שיסנ. נאָכ װאָס, טראַכט איכ, זאָל איכ גײנ, אַז אָנ א באַפעל צעשיסנ זײ אױכ אַלע ייִדנ און ניט־ייִדנ. שטאַרבנ װעל איכ אַלעמאָל באַװײַזנ. האָב איכ באַשלאָסנ צוגעבנ זיכ מוט. אָפ הײַנטיקנ טאָג בינ איכ ניט קײנ ייִד, נאָר א לעזגינ, כאָטש איכ װײס אַפילע ניט קײנ װאָרט לעזגיניש. מע האָט מיכ קלוימערשט נאָכ קלײנערהײט אַװעקגעפירט פונ דאַגעסטאַנ קײנ קראַסנאָיאַרסק, און פונ דאָרט בינ איכ געקומענ צו פאָרנ קײנ קױבישעװ צו מײַנ שנור זיכ צו דערװיסנ, װו זײַנענ מײַנע זינ, אונטערװעגס האָב איכ פאַרלאָרנ די דאָקומענטנ, און דאָ האָב איכ אַקוראַט באַקומענ א בריװ פונ מײַנ פאַרװונדעטנ זונ, װאָס געפינט זיכ אינ מילעראָװאָ, אינ א שפּיטאָל. דער דאָזיקער זונ שרײַבט מיר קלוימערשט: „טאַטע, כ'האָב זיכ דערװוּסט, אַז דו געפינסט זיכ באַ מיר אינ דער הײמ און האָסט פאַרלאָרנ די דאָקומענטנ. פאַרקױפ מײַנ בעהײמע און קומ צו פאָרנ אַהער, און פונדאַנענ װעלנ מיר פאָרנ אינ דײַנ הײמ־אָרט, װו דו ביסט שוינ ניט גע־

ווענ 63 יאָר. אויב דו האָסט ניט קיינ דאָקומענטנ, מאכט ניט אויס — בא אלטע לײַט פרעגט מענ ניט קיינ דאָקומענטנ. אונ בא זיכ אינ דער היימ ווערסטו באקומענ א דאָקומענט, אונ 150 רובל שטראָפ זאָלסטו ניט צאָלנ". איכ האָב אָנגעשריבנ: אזא בריוו אונ האָב זיכ אָנגעהויבנ טרענירנ. איכ האָב אײַנגעכאזערט דאָס אָרט, ווו איכ בינ געבוירנ געוואָרנ — דאנעסטאנער געגנט, קומוכער פּאָסט-אָפּטײלונג, יִשעוו טאבאכלאָ. מיט איינ וואָרט, א נײַער מענטש איז געבוירנ געוואָרנ.

איכ האָב אָנגעהויבנ דרייסטער ארומצוגייִנ איבערנ כוטאָר. איכ בינ אפילע געווענ אפ דער פארזאמלונג, ווו דער טעמפּער דײַטשישער קאָמענדאנט האָט דורכ אנ איבערזעצער געפרעגט, צי זײַנענ מיר צופרידנ, וואָס די דײַטשישע ארמיי האָט אונדז באפרײַט. קיינער האָט ניט געענטפערט, נאָר עס האָט געהאָלפנ די איבערזעצערנ. זי האָט אונדז געגעבנ אָנצוהערנ, אז מע דארפ באשטעטיקנ, ווײַל דער דײַטש האָט שוינ אָנגעהויבנ הייבנ דעמ טאָנ אונ שרײַענ, אז אומעטומ זײַנענ פארטיזאנער.

איכ האָב זיכ דערמאָנט, וויאזוי לודוויג דער XI האָט ארויסגעבאגלייט זײַנע שעלוכימ אונ אָנגעזאָגט זיי: „אויב מע וועט אײַכ לײַגנ, לײַגט נאָכ מער". דורכנ כוטאָר איז געגאנגענ א וועג צו דער געזאלצענער אָזערע, וווהינ מע פלעגט קומענ פונ ווײַט נאָכ זאלצ, עס פלעגנ דאָ פארבײַגייִנ א סאכ געגאנגענע, זוכנ א באהעלטעניש. איכ האָב פאנאנדערגעוויקלט אנ ארבעט. כ'האָב אָנגעהויבנ שרײַבנ פלוגבלעטלעכ אונ אונטערווארפנ זיי אינ די וועגענער. איכ האָב געשריבנ: לאָזט זיכ ניט פארפירנ פונ דער דײַטשישער פלוידערײַ. געדענקט, אז די רויטע ארמיי איז אומבאזיגבאר. אינגיכנ וועט זי אײַננעמענ אָרשע, אונ נאָכ איר קיִעוו, אונ די דײַטשנ אינ אוקראַינע האָבנ זיכ שוינ אָנגעהויבנ רירנ. ניט שפּעטער, ווי אינ א כוידעש ארומ וועט אָפּגערייניקט ווערנ צאָפּנ-קאווקאז. געגנוג זיכ געצאצקעט מיט די דײַטשנ. בעסער יאָגט זיי מיט די ווילעס, ווי עס האָבנ געטאָנ אונדזערע עלטערנ אונ אורעלטערנ, אונ דאָס גלײַכנ.

בא מיר האָט געקלעקט כוצפע צו כאפּנ א שמועס מיטנ סטאראָסטע. איכ האָב בא אימ געפרעגט, ווי קוקט ער אפ פארשיידענע רייד, ווײַל מע זאָגט, אז די באָלשעוויקעס זײַנענ שוינ לעבנ קיִעוו. הײַנט זײַנענ קלוימערשט פארבײַגעגאנגענ צוויי רויט-ארמייער. זיי האָבנ געלייענט די „פּראַוודא", אונ דאָרט שטייט געשריבנ, אז די דײַטשנ אינ אוקראַינע גערווירנ זיכ זייער שטארק.

זאָג איכ צום סטאַראָסטע: „מאַלע וואָס סע מאַכט זיכ. וואָלסט בעסער צוגענומענ די בעהיימעס פונ דער פערמע אונ אוועקגעגעבנ זיי די קאָלווירטניקעס, זיי שטייענ בא דיר דאָרט ווי אינ א מאַנופאַקטור-געשעפט. דער דײַטש ווייסט דענ, וויפל שטיק דו האָסט דאָרט? וועסטו וויצע זײַנ אַ פאַר גאָט אַ פאַר לײַט". ער האָט א קוק געטאָנ אפ מיר קרום אונ האָט געענטפערט: „מאָרגנ גיבנ מיר יעדיעס". איכ האָב גלײַכ גענומענ ריידנ וועגנ עפּעס אנדערש. איכ האָב זיכ דערמאָנט, אז איכ בינ א שנײַדער אונ זאָג אים, אז איכ האָב צוגעזאָגט זײַנ ווײַב איבערנייענ א מאַנטעלע פאר דער טאָכטער. געאַרבעט האָב איכ בא אים אינ דער היים. דאָס האָט ניט ארויסגערופנ קיינ פאַרדאַכט. איכ האָב זיכ קוינעשעם געווענ, ווי א געניטער מײַסטער. אונ ווענ איכ פלעג דערציילנ די פויערים נײַעס, פלעג איכ געבנ אָנצוהערעניש, אז דערוווּסט האָב איכ זיכ וועגנ דעם פונ א פאַראַנטוואָרטלעכנ מענטשנ. צווישנ זיכ האָבנ זיי גערעדט: „ער זיצט א גאַנצנ טאָג באַם סטאַראָסטע אונ ווייסט, פאַרשטייט זיכ, אַלצ מיטאַנאַנדער".

נאָר דאָ האָט געטראָפנ א צאָרע: מײַנע פליגבלעטלעכ האָט מענ געפונענ אינ אנ אנדער דאָרפ בא איינעמ א פויער. מע האָט אָנגעהויבנ אויספרעגנ, אונ איכ האָב געמוזט ווערנ פאָרזיכטיקער. אָנהייב נאָיאַבער זײַנענ בא די דײַטשנ, ווײַזט אויס, די געשעפטנ געוואָרנ ניט פויגלדיק, אונ זיי האָבנ ארויסגעגעבנ א באַפעל — אינ משך פונ 24 שאָ דאַרפנ אַלע באַקומענ א דײַטשישנ דאָקומענט. אָנ אים טאָר מענ קיינעמ ניט ארײַנלאָזנ אינ כאַטע. פאַראַנטוואָרטלעכקײַט — לויט די דײַטשישע געזעצנ.

עס זײַנענ געקומענ צו פאָרנ צווייענ: דער פאַרטרעטער פונעמ סטאַרשינאַ פונעמ לאַדבאַלקעווער דאָרפסאָוועט הערבריפקאָ אונ דער שרײַבער. מע האָט אָנגעהויבנ ארויסגעבנ דאָקומענטנ. איכ האָב זיכ טייקעפ געמאָלדנ נאָכ א דאָקומענט. ווי נאָר איכ האָב דערזענ די אויגנ פונ דעם דאָזיקנ כריפקאָ, האָב איכ גלײַכ פאַרשטאַנענ, אז קיינ דאָקומענט וועל איכ ניט באַקומענ. ער זאָגט: „וועסט קומענ צו פאָרנ אינ א טאָג דרײַ ארום אינ דאָרפ לאַדבאַלקע, דאָרט וועט מענ דיר אויסשרײַבנ א דאָקומענט". הינטנאַרום האָב איכ זיכ דערוווּסט, אז ער איז מעסופּעק אינ מײַנ נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקײַט, אונ כ'האָב באַשלאָסנ ניט וואַרטנ. אפ מאָרגנ אינדערפרי בינ איכ שוינ געווענ אינ לאַדבאַלקע. ווי נאָר ער האָט מיכ דערזענ, האָט ער געמאַכט

א גוואַלד: „נאָכ וואָס ביסטו געקומענ?. איכ האָב דאָכ דיר געזאָגט — אינ דרײַ טעג ארומ". ענטפֿער איכ אימ: „אונ איכ דארפֿ הײַנט א דאָקומענט". אינ אויסזען האָב איכ געהאַט פֿונ די, וואָס מע פֿרעגט זיכ נאָכ אַפֿ זיי: צעריסענע לײַוונטענע שיכ, דאָס רעקל — אַפֿ נאַקעטנ לײַב, א טאָרבע אַפֿ דער פּלייצע. כריפּקאָ האָט אָנגעשריבנ א פּאַפּירל: „גיי אַרײַנ אינ שפּיטאָל צומ דאָקטער נעקראַסאָוו, ער וועט מאַכנ א צייכנ, וועסטו באַקומענ א דאָקומענט". איכ גיי ארויס אונ מאַכ אַנ אָנשטעל, אַז איכ הייב ניט אָנ צו פֿאַרשטיינ. איכ לייענ דורכ, ערשט עס שטייט געשריבנ: „באַטראַכטנ אַפֿ פּעסטצושטעלנ די נאַציאָנאַליטעט — צי איז ער באַשניטנ". איכ האָב באַשלאָסנ דעמ דאָקטער ס'צעטל ניט באַווײַזנ, אַוועק בינ איכ אָבער צו אימ אונ כ'פֿרעג באַ אימ — צי ווייסט ער, אַז לויט דעמ מאַכמעדאַנישנ גלויבנ ווערנ יינגלעכ געמאַלעט. ער האָט מיר געענטפֿערט: „דאָס ווייס איכ ניט אונ ס'אינטערעסירט מיכ ניט. איכ פֿיל אויס די פֿאַראָרדענונגענ פֿונ דער דײַטשישער מאַכט. מיכ פֿרעגט מענ אונ איכ ענטפֿער". נאָכ דעמ, ווי מע האָט ארויסגעטריבנ די דײַטשנ, האָב איכ זיכ געזענ מיט דעמ דאָקטער, איכ האָב אימ אויסגערעדט, האָט ער מיר געענטפֿערט: „איכ האָב ניט געוווּסט, אַז מאַכמעדאַנער זײַנענ באַשניטנ, ווײַל איכ בינ נאָרוואָס פֿונ אוניווערסיטעט אונ כ'האָב נאָכ קיינ עמעסע בילדונג ניט באַוויזנ צו באַקומענ". האָב איכ באַשלאָסנ זיכ צו ווענדנ צומ גאַלעכ, נאָר עס האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אַז דער גאַלעכ האָט געמאַכט פּלייטע נאָכ איינער ניט קיינ געלונגענער פּריידיקונג, ווו ער האָט פֿאַרגעלייגט צו בעטנ גאָט פֿאַרנ ניצחונ פֿונעמ סוינע. האָב איכ זיכ געווענדט צומ פּסאַלמענ-זאָגער מיט דער פֿראַגע, צי איז אימ באַוווּסט, אַז די מאַכמעדאַנער זײַנענ געמאַלעט. ער האָט געזאָגט: „יאָ, איכ ווייס, אַז באַ פֿופֿצנ אָדער זעכצנ נאַציעס איז פֿאַראַנ דער מינהעג פֿונ באַשנײַדנ יינגלעכ, נאָר העלפֿנ דיר קאָנ איכ ניט, ווײַל איכ בינ ניט קיינ אָפֿיציעלע פּערזאָנ. אויב מע וועט באַ מיר פֿרעגנ, וועל איכ ענטפֿערנ".

בינ איכ אַוועק צו דעמ סטאַראָסטע מיט א טענע: „צו וואָס האָסטו מיכ געשיקט צומ דאָקטער. וואָלסט געפֿרעגט באַ מיר, וואָלט איכ דיר אַליינ געזאָגט, אַז איכ בינ א מאַכמעדאַנער, דאָס הייסט — איכ בינ באַשניטנ. וואָס באומרויקסטו אי זיכ אי מיכ. דו גיב מיר דעמ דאָקומענט. פֿאַרשטייסט?". זאָגט ער: „קיינ דאָקומענט קאָנ איכ דיר ניט געבנ. איכ וועל פֿרעגנ באַמ דײַטשישנ קאָמענדאַנט, וואָס טוט מענ, אויב די לעזגינער זײַנענ

טאקע אפ אנ עמעס באשניטנ“. האָב איכ געמוזט אוועקגיינ מיט גאָרניט.

מײַנ לאגע איז געוואָרנ ניט פריילעכ, ווײַל אָנ דאָקומענטנ האָבנ אלע מוירע געהאט ארײַנלאָזנ מיכ אינ כאטע. כ'האָב געמוזט שלאָפנ אינ דרויסנ. אינ א כוידעש ארום האָב איכ זיכ דערוווּסט, אז מע זוכט מיכ ארום. איכ בינ נאָר ארײַנ אינ א כאטע זיכ אָנווארעמענ אונ דורכריידנ זיכ וועגנ ארבעט, ווי עס לאָזט זיכ ארײַנ דער „פאָליצײַ“ פונ לאדבאלקעווער דאָרפסאָוועט זשוקאָוו אונ ווענדט זיכ גלײַכ צו מיר: „ווער ביסטו? פונ וואָסער נאציע?“ ענטפער איכ, אז איכ בינ א לעזגינ. „קומ אינ לאדבאלקע, דער פאָליציי־שעפ רופט דיכ ארויס“. גיינ האָט מענ געדארפט 12 קילאָמעטער. דער פראָסט איז געווענ א שטארקער, אונ איכ — א הוילער, א נאקעטער. נאָר וואָס טוט מענ? וויפל די באלעבאָסטע פונ דער כאטע האָט זיכ ניט געבעטנ, ער זאָל מיכ איבערלאָזנ, איז אלצ געווענ אומזיסט. מיר זײַנענ אוועק צומ סטאראָסטע, אינ קאָנטאָר איז ער ניט געווענ, מע האָט געזאָגט, אז ער איז בא יאצענקאָנ אינ כאטע. דער סטאראָסטע האָט מיר געזאָגט: „גיי אינ הויפ ארײַנ“. דאָרט איז געווענ דער אָרטיקער „פאָליצײַ“ סעמיניכינ. איכ האָב זיכ מיט אימ קימאט ניט געקענט. זאָגט ער מיר: „זיידעשי, דו וועסט דאָכ אזוי פארפרוירנ ווערנ“. ער האָט מיר געבראכט צו טראָגנ א ווארעמ רעקל. איכ האָב זיכ טכילעס אָפגעזאָגט. דער „פאָליצײַ“ זשוקאָוו זאָגט: „וואָס זאָרגסטו וועגנ אימ. סײַוויסײַ איז אימ ניט לאנג געבליבנ צו לעבנ“.

בינ איכ אוועקגעפאָרנ מיט סעמיניכינענ. ער האָט מיכ אײַנגעדעקט מיט זײַנ מאנטל. איכ האָב ניט געקאָנט פארשטיינ, וואָס איז עס פאר א מאָדנער „פאָליצײַ“. מיר זײַנענ געקומענ צו פאָרנ אינ דאָרפ. גלײַכ האָט מענ מיכ ארײַנגעזעצט אינעמ „קעלער פונ די צומ טויט פארורטיילטע“. כ'געדענק ניט, וויפל צײַט איכ בינ דאָרט אָפגעזעסנ, ווײַל ס'האָט מיכ געוואָרפנ אינ קאדאָכעס. עס האָבנ זיכ אָנגעהויבנ פארשיידענע איזדיעקענישנ. מע רופט מיכ ארויס צומ פאָליציי־שעפ. ער שרײַט איינס: „נאציאָנאליטעט“. האָב איכ אימ באוויזנ דעמ בריוו, וועלכנ איכ האָב אליינ געשריבנ פונ זונ. פלוצעמ גיט ער מיר א פרעג: „אפ דײַטש קאָנסטו ריידנ“. — „דו מאכ ניט כויזעק. איכ קאָנ אפ מײַנ אייגענעמ לאָשנ ניט ריידנ, ניט נאָר אפ דײַטש. פונ דאגעסטאנ בינ איכ אוועקגעפאָרנ, ווענ איכ בינ נאָכ א קליינינקער געווענ אונ דאָס ווײַב איז בא מיר א רוסישע. הער זיכ

אײַנ, נאַטשאַלניק, וואָס פרעגט איר. אַלצ באַ מיר אונ פרעגט. גיט מיר א דאָקומענט אָדער דערשיסט מיכ, ווײַל ס'איז מיר שוינ מיעס געוואָרנ". זאָגט ער: „מיר האָבנ אױפ דיר א באַרדאַכט, אַז דו ביסט א ייִד". אַז איכ מאַכ עס א וואָלד: „גיט מיר כאָטש א ייִדישנ דאָקומענט". אױפ מײַנע אַרטיסטישע געשרײענ קומענ אָנ צוויי דײַטשנ אונ פרעגנ, וואָס קומט דאָ פאָר. דער פאָליצײ=שעפ זאָגט: „אָט דער לעזוגינ פאָדערט א דאָקומענט". פלוצעמ איז אָנגעקומענ דער גרעסטער פונ די דײַטשנ אונ האָט א געשריי געטאָנ: „גיכער!" יענע זײַנענ אַרויסגעשפרונגענ, אונ דער פאָליצײ=שעפ זאָגט: „קײנ דאָקומענט וועל איכ דיר ניט געבנ. אויב דו ביסט טאַקע אינדערעמעסנ א לעזוגינ, איז טראָג זיכ אָפּ, אַז דײַנ געדעכ זאָל דאָ ניט זײַנ, אַניט — דערשיס איכ דיכ". איכ ענטפער אים גאַנצ רויִק: „דו שרעק מיכ ניט, כ'בעט דיכ, ווײַל כ'האָב ניט מוירע". כ'האָב אָבער געמוזט געבנ א צעטל, אַז איכ בינ זיכ מיסכײַעוו אַרויסצופאָרנ.

ס'איז שוינ געווענ שפּעט אינאָווענט. צוויי טעג האָב איכ שוינ אינ מויל ניט געהאַט. א פראָסט, א שטאַרקער ווינט. וווהינ וועל איכ גײנ א נאַקעטער. אונ נעכטיקנ דאָ אינ דאָרפ — אָנ דאָקומענטנ — וועט קײנער ניט אַרײַנלאָזנ. האָב איכ באַשלאָסנ גײנ צו זיכ אינ כוטאָר. ווי=ניט=איז וועל איכ איבערנעכטיקנ, אונ אינדערפרי וועל איכ אַוועקגײנ, עפשער וועל איכ געפינענ די פּאַרטיזאַנער. איכ בינ נאָכ קײנ צוויי קילאָמעטער ניט דורכגעגאַנגענ, איכ הער — מע רופט מיכ. איכ קוק זיכ אומ — א „פאָליצײַ", טראַכט איכ — הייסט עס, אויס כאַסענע, זיי האָבנ זיכ אָנגעשטויסנ, וועמענ זיי האָבנ אָפּגעלאָזנ. ער האָט מיכ אַוועקגעפירט אינ דער פּאַרוואַלטונג, איבערגעלאָזנ אינ קאָרידאָר, פאַרשפאַרט. איכ האָב אָנגעהויבנ קלאַפּנ. שרײַט מענ: „קלאַפּ ניט!" טראַכט איכ, לאָזנ זיי מיכ בעסער דערהאַרגענענ, אײדער די גאַנצע צײַט זיכ אַזוי מאַטערנ. אָבער דאָ קומט אַרײַנ דער „פאָליצײַ" סעמיניכינ. ער זאָגט מיר: „נו, זיידעשי, וואָס קלײַבסטו זיכ צו טאָנ?" איכ האָב אים דערציילט וועגנ דעמ געשפּרעכ מיטנ שעפ. „איכ ווייס; ווייסטו וואָס, זיידעשי, ערשטנס, ביסטו נאַקעט אונ באָרוועס, צווייטנס, איז אינ דרויסנ נאַכט. גיי ניט אינ ערגעצ, בלײַב באַ אונדז אינ כוטאָר! מאָרגנ וועט נאָכ מיר קומענ א פור, וועלנ מיר צוזאַמענ פאָרנ". מיר זײַנענ אַרײַנ אינ א כאַטע, זאָגט ער צו דער באַלעבאָסטע: „קאָרמעט אָנ דעמ מענטשנ. ער וועט באַ אײַכ בלײַבנ ביז אינדערפרי".

צוריק בינ איכ געפאָרנ מיט סעמיניכינענ. אונטערוועגנ האָט

ער מיר געזאָגט: „טו זיכ דײנ זאכ, אָבער זײ פּאָרזיכטיקער". זאָג איכ אים: „סעמיניכינ, דו ריזיקירסט דאָכ מיטנ לעבנ"... „אלע ריזיקירנ מיר. לאָמיר זיכ דערמאָנענ אָנ כאַווער לענינס ווערטער: אלע פּאר אײנעמ, אײנער פּאר אלעמענ". ער האָט נאָכ דערצײלט: „דער קאָמענדאנט האָט געהײסנ געבנ יעדנעמ וועגנ פּארטײער, קאָמיוגיסטנ, ייִדנ. איכ האָב געענטפערט: די פּארטײער און קאָמיוגיסטנ האָבנ זיכ עוואקויִרט מיט די מישפּאָכעס, און קײנ ייִדנ איז ניט געווענ און ס'איז ניטאָ".

דעמלט האָב איכ פּאנאנדערגעוויקלט אנ ארבעט צוזאמענ מיט וואכאָווסקענ. דאָס איז געווענ א געפאנגענער, וואָס איז אנטלאָפנ, א געוועזענער סטודענט, א געבוירענער פונ אָרשע. איכ האָב געשריבנ פלוגבלעטלעכ צומ פאָלק, אז אינגיכנ וועט זיכ אומקערנ די רויטע ארמײ, און ער פלעגט ארומגײנ איבער די כאטעס, פלעגט אגיטירנ און פלעגט זיכ פארופנ אפ מיר, אז איכ ווײס אלצדינג. לעסאָפ, איז די זאכ דערגאנגענ צומ סטאראָסטע. דער סטאראָסטע האָט אָנגעהויבנ שרײבנ מעסירעס אפ סעמיניכינ, און אָט קומט צו גײנ צו מיר דער סטאראָסטע און זאָגט: „אזויווי סעמיניכינ איז קראנק, בינ איכ באפולמעכטיקט צו ברענגענ דיכ קײנ לאדבאלקע, צומ דײטשישנ קאָמענדאנט. דאָרט וועסטו באקומענ דעמ דאָקומענט". א שטימונג איז בא מיר געווענ א שרעקלעכע. נאָר וואָס זאָל מענ טאָנ? איכ האָב געבעטנ באמ סטאראָסטע א דערלויבעניש צו גײנ נעמענ ברויט אפנ וועג, און אלײנ בינ איכ אוועקגעלאָפנ צו סעמיניכינענ און האָב אים אלצ דערצײלט. „דו פאָלג אים ניט. דו טאָרסט אים ניט פאָלגנ. גײ דערווײל אוועק אינ סטעפּ ארײנ, און ווענ ס'וועט פינצטער ווערנ, קומ צו גײנ". ביז באנאכט האָב איכ זיכ ארומגעדרײט איבערנ סטעפּ. פארפרוירנ געוואָרנ ביזנ קליאָק פונ די בײנער. כ'האָב זיכ אומגעקערט צו סעמיניכינענ און זיכ דערוווּסט, אז מע איז געגאנגענ פונ כאטע צו כאטע, מיכ ארומגעזוכט. באזונדערס שטארק האָט דער סטאראָסטע געסטראשעט אײנ קאָלווירטניצע אווראמענקאָ פאר אויסבאהאלטנ פארדעכטיקע עלעמענטנ. סעמיניכינ זאָגט „זײדעשי, דו טו זיכ אויס און לײג זיכ שלאָפנ". נאָר, ווי דאָס הארצ וואָלט מיר געזאָגט, האָב איכ זיכ געלײגט שלאָפנ אינ אָנטאָנ. שפּעט באנאכט — מע קלאפּט. מע האָט מיכ באהאלטנ. עס איז געקומענ דעמ סטאראָסטעס געהילפ, שיקער־לאָט. „גיב די ביקס, איכ וויל דערשיסנ אײנעמ א געפאנגענעמ". ער איז אוועק, און מיכ האָט מענ אוועקגעלײגט אפנ אויוונ צוזאמענ מיט די קינדער. א שאָ איז ניט

אוועק — מע קלאפט ווידער. סעמיניכינס ווײַב האָט א קוק געטאָנ אינ פענצטער און זאָגט: א סאכ דײַטשנ. עס זײַנענ ארײַנ עטלעכע און פרעגנ, ווער עס וווינט דאָ. סעמיניכינ האָט געוויזנ זײַנ דאָקומענט, אז ער איז א „פאָליצײַ". דער דײַטש האָט געזאָגט „גאנצ גוט". ער האָט געפרעגט, ווער איז אפנ אויוונ. „די קינדער". דער דײַטש האָט געהייסנ ברענגענ אייער, פוטער, אָפּקאָכנ קאווע. נאָכ אָוונטברויט האָבנ זיי אוועקגעשטעלט א וואכ, און אליינ זיכ געלייגט שלאָפנ אינ שלאָפ-זעק. פארטאָג איז געוואָרנ א ווילדער געפילדער. די דײַטשנ זײַנענ ארויסגעשפרונגענ אינ דרויסנ. עס האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז ס'איז געקומענ א דײַטשישער אָטריאד מיט טאנקענ. מיכ האָבנ אינפאָרמירט די קינדער, ווײַל איכ בינ געווענ בלאָקירט אפנ אויוונ. דערנאָכ האָב איכ אויסגענוצט די מעהומע און האָב זיכ אריבערגעפעקלט אינ שטאל, צו דער בעהיימע, ווײַל איכ האָב מוירע געהאט, אז איכ וועל צעגיינ פאר היצ אפנ הייסנ אויוונ. נאָר די דײַטשנ האָבנ געדארפט האָבנ דעמ שטאל פאר די פערד. סעמיניכינ האָט זיי געזאָגט: „דאָרט דארפ זיכ די בעהיימע אָפּקעלבנ. מײַנ פאָטער דעזשורירט שוינ דאָרט דעמ צווייטנ מעסלעס"... פלוצעמ האָט זיכ אָנגעהויבנ א שיסערײַ. וועהינ זײַנענ אהינגעקומענ די דײַטשנ, ווייסט מענ אדאיאָמ ניט. דערנאָכ האָבנ מיר געפינענ עטלעכע פארבלאָנדזשעטע פערד. ווענ ס'האָט זיכ געענדיקט די שיסערײַ, זײַנענ מיר אוועק א קוק טאָנ. עס זײַנענ געשטאנענ עטלעכע צעשעדיקטע דײַטשישע טאנקענ. יאָ, איכ האָב דערזענ, וואָס פארא העלדנ די דײַטשנ זײַנענ קעגנ די פרידלעכע אײַנוווינער, און קעגנ דער רויטער ארמײ זײַנענ עס גישטיקע פאכדאָנימ.

דער כוטאָר „קראסני באָיעצ" איז דעמ 22 יאנואר 1943 יאָר באפרײַט געוואָרנ פונ די דײַטשישע מענוואָלימ. מע דארפ האָבנ גרויס טאלאנט צו באשרײַבנ דעמ ענטוזיאזמ פונ דער באפעלקערונג. די אלטע לײַט און די קינדער האָבנ געטאנצט, זיכ געקושט אפילע מיט ווילד-פרעמדע און האָבנ געלויבט די העלדישקײַט פונ די שלאכטלײַט. דעמ זעלבנ טאָג איז געווענ א מיטינג, אלע זײַנענ געקומענ. דעמאלט האָב איכ געזאָגט, ווער איכ בינ לויט דער נאציאָנאליטעט, און האָב באדאנקט פאר גוטהארציקײַט און גערופנ צו פרײַנטשאפט פונ פעלקער.

דער „פאָליצײַ" סעמיניכינ איז געווענ א פאטריאָט און האָט געהאָלפנ די פארטיזאנער. אינ דאָרפ זײַנענ געווענ א סאכ דרײַסטע הערצער, איכ וועל אָנרופנ גנעזדילאָווא, אווראמענקאָ מיטנ ווײַב, סאווטשענקאָ מיטנ ווײַב, מאקסימענקאָ און פיל אנדערע.

איצט האָב איכ דערלאנגט א מעלדונג, אז איכ בעט מיכ אוועקשיקנ אפנ פראָנט. כאָטש איכ בינ אלט 69 יאָר, קאָנ איכ נאָכ הארגענענ פאשיסטנ.

איסער קלובאָק".

28 סענטיאבער 1943 יאָר.

די דרײַסיק געראטעוועטע

זיבנ יידישע מישפּאָכעס, וואָס האָבנ געווינט אינ דער שטאָט אָרדזשאָניקידזע, סטאלינער געגנט, האָבנ ניט באוויזנ זיכ עוואקוירנ. די פּליטימ זײַנענ אוועק אינ דעם דאָרפ בלאגאָדאטנאָיע, הולײַפּאָליער דאָרפסאָוועט, זאפּאָראָזשער געגנט.

פאר אויסבאהאלטנ יידנ פלעגנ די דײַטשנ צעשיסנ. וועגנ דעם האָט געוווסט דער בוכהאלטער פונעמ קאָלווירט פאוועל סערגײעוויטש זירטשענקאָ. ער האָט אָבער ניט ארויסגעגעבנ די יידנ. די יידנ האָבנ געארבעט אינ קאָלווירט, אונ דעם 22 נאָיאבער 1943 יאָר האָט זיי צוזאמענ מיט די איבעריקע אײַנוווינער פונ שטעטל באפרײַט די רויטע ארמיי.

אזוי זײַנענ געראטעוועט געוואָרנ די מישפּאָכעס טרייבערג, גוכימאָוויטש, באבסקאיא, קוסקאָווסקאיא, גאָנטאָוו, פערעסעדסקי, שאבימ, סאכאקל דרײַסיק מענטשנ.

★☆★

אינהאלט

זייט

אילִיא ערענבורג — מערדער פון פעלקער 3
פינסק 7
כארקאָוו 10
קיִעוו 19
גוסינאָ 20
מאָזיר 20
אין געפאנגענשאפט:
1 26
2 28
ראָסטאָוו 31
קראמאטאָרסק 36
מאָראָזאָווסק 39
יעסענטוקי 41
שאמאָווא 42
סטאווראָפאָל 44
קראסני 46
מאָנאסטירשטשינע 49
סאָראָטשיצי 51
פיריאטין 51
איסער קלובאָקס בריוו 52
די דרײַסיק גערעטעוועטע 61

НАРОДОУБИЙЦЫ

Материалы о зверствах немецких захватчиков во временно оккупированных советских районах, собранные и составленные

И. ЭРЕНБУРГОМ

Редактор — Б. Котик

Л — 95420. Подписано к печати 31/III-1944 г. 2 п/л. $3^1/_8$ уч.-изд. л. Тираж 7000 экз. Заказ 1121.

Типография Госэнергоиздата, Москва, Шлюзовая наб., 10.